Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY
CIRCULATED ALL OVER CANADA AND ABROAD

2 סענט

VOLUME IV. No. 11756 Toronto Sunday April 1 1917 ט' ניסן תרע"ז זונטאג דער 1־טער אפריל 1917 PRICE : TWO CENTS

טאראנטאר אידען פייערען רוסלאנדס באפרייאונג

אלע אידען פון טאראנטא וועלען היינט אבענד קומען אין מאסעי האל זיך פרעהען מיט רוסלאנדס באפרייאונג

מאיר טשוירטש, ה. ה. דיוארד, פ. בערקאוויטש וועלען רידען

פונקט זיעבען א זייגער היינט אין אווענד וועלען די טהירען פון מעסעי האל געעפענט ווערען, און עס איז זיכער אז עס וועט ניט נעהמען לאנג, און אלע פלעצער פון מעסעי האל וועלען פערנומען זיין.

באלד נאך זיעבען וועט די פערזאמלונג ערעפענט ווערען, און די אלע וואס ווילען בייוואוינען דיעזע אינטערעסאנטע פרייהייטס־פערזאמלונג דארפען דארום זיין אין צייט.

די פראגראם איז א רייכע, און פאסט זיך צום היינטיגען יום טוב, וועלכער וועט טראגען אן אמת'ן פאלקס־כאראקטער.

מעיאר טשוירטש, וועט די פערזאמלונג אפיציעל בעגריסען אין נאמען פון דער שטאדט.

פראפעסאר מייווער, פונ'ם טאראנטער אוניווערזיטעט, וועלכער רעכענט זיך פאר דעם גרעסטען ספעציאליסט אין קענעדע וועגען רוסישע ענינים, וועט רעדען.

ה. ה. דיוארד, דער פארלאמענט מיטגליעד פון סאוט וועסט טאראנטא וועלכער האט פרייטאג פארגעשלאגען די רוסישע רעזאלוציע אינ'ם אנטאריער פארלאמענט, וועט אדרעסירען די פערזאמעלטע.

דזשיימס סימפסאן, דער גוט בעקאנטער סאציאליסט און ארבייטער פערטרעטער, א. רייזווין, און פיעלע אנדערע וועלען רעדען וועגען דער בעדייטונג פון דער נייער רוסלאנד.

חוץ די רעדעס וועט אבער אויך זיין אן אינטערעסאנטע מוזיקאלישע פראגראם, וועלכע וועט אויסגעפילט ווערען פון מיס פהאס, — סאפראנא, דזשעראלד מור, פיאניסט, דזשארדזש וויגנעטא — וויאלאניסט (אלע פונ'ם האמבורגער קאנסערוואטאריום) דער כאר פון דער פרץ שול, און דער בענד פון די יונגע סאציאליסטען.

פיעלע ארגאניזאציעס וועלען זיין פערטראטען דורך דעלעגאטען, אדער זייערע בעאמטע.

געדענקט אז היינט 7 א זייגער אין אווענד טרעפען זיך אלע אין מעסעי האל

די אידען האבען זייער פרייהייט אויסגעקעמפט

ה. ה. דיוארד אין זיין רעזאלוציע אין פארלאמענט ווייזט אן אויף דעם וואס די אידען אין רוסלאנד האבען געהאט אויסצושטעהן, אונטער'ן אלטען רעזשים.

פאלעסטינא פאר אידען.

די רעזאלוציע וועלכע איז פארגעשלאגען געווארען פון ה. ה. דיוארד ק. ק. מ. פ. פ. אין דער היגער לעדזשיסלייטשור צו באגריסען די רעוואלוציאנערע רעגיערונג, איז נעכטען פארגעקומען צו פארהאנדלען, און דער פאטער פון דער רעזאלוציע מר. דיוארד האט געהאלטען א גלענצענדע רעדע ווייזענדיג די באציהונגען פון דער געוועזענער רוסישער ,,סאמאדערזשאוויע'' צו די אידען און די באציהונגען פון דער נייער רעוואלוציאנערער רעגיערונג צו די אידען.

אנפאנגענדיג זיין רעדע האט ער געזאגט:

עס איז פאסענד אז די לעדזשיסלייטשור פון דער הויבט פראווינץ אין קענעדע וועלכע האט איהרע סעסיעס אין דער צייט ווען אין רוסלאנד איז פארגעקומען די איבערקעהרעניש זאל באגריסען די נייע רוסישע רעגיערונג.

קיין גרעסער זיעג אין דער יעצטיגער מלחמה איז נאך ניט געווען ווי דער זיעג וועלכען דאס רוסישע־פאלק האט געהאט איבער אוטאקראטיע און דעספאטיזם

קיינמאל אין דער וועלט היסטאריע האט נאך ניט פאסירט אז א פאלק איבערקעהרעניש זאל פארקומען אזוי שנעל און אזוי בלוטלאז.

אונטער דער ענגלישער הערשאפט האבען מיר געהאט די ערפאהרונג צו לעהרנען אז דאס גליק און ענטוויקלונג פון א נאציאן הייגנט אב אן דער רעגיערונג פון פאלק און דאס רוסישע פאלק וועט יעצט אליין באשטימען וועלכע פארמע פון א פאלקס רעגיערונג זי זאל אננעהמען א באגרענעצטע מאנארכיע אדער א רעפובליק.

איין זאך איז אבער זיכער היינט צו טאג אז די אוטאקראטישע מאכט און דער פריסישער איינפלוס איז פון רוסלאנד אויף אייביג פארשוואונדען.

רוסלאנדס טאג פון פארשקלאפונג איז פאריבער, די זאך פאר פרייהייט האט געזיעגט.

רוסלאנד האט פון זיך ארונטערגעווארפען די קייטען פון שקלאפעריי און האט פארנומען א פלאץ ארום אונזער מוטער לאנד און אונזערע דאמיניאנס אלס איינע פון די פרייע נאציאנען פון דער וועלט. — שטארקער און פיעל מעהר דעמאקראטיש.

ווען דער ענגלישער פרעמיער האט אין דער האוז אף קאמאנס גערעדט וועגען אן עהנליכער רעזאלוציאן וועלכע ער האט פארגעשלאגען לעצטע וואך האט ער געזאגט:

''עס איז א פונדאמענטאלער אמת אז די יעצטיגע מלחמה איז א גרונד פאר א קאמפף פאר א פאפולערער רעגיערונג און פאר פרייהייט''.

דאס איז געווען א ריכטיגע כאראקטיריזירונג.

עס איז אן אויסגעצייכענטער גדאנק אז די פרינציפען פאר וועלכע מיר שטעהן אויף די שלאכט־פעלדער און ים'ן פון דער וועלט געגען דער דייטשער אוטאקראטיע און מיליטאריזם האט אויך געבראכט די פרייהייט פאר 170 מיליאן מענשען נאך פריהער איידער מיר האבען דערגרייכט דעם צוגעק פון דער מלחמה.

די עטאבלירונג פון א דומא נאך דער רוסיש־יאפאנעזישער קריעג איז פון דער גאנצער וועלט באגריסט געווארען, עס איז דאן געווען א צייכען אז בעסערע טעג קומען פאר רוסלאנד, אבער די רעאקציאן אין רוסלאנד האט מנצח געווען דעם פרייהייטס געדאנק. דאך זינט יענער צייט איז מיט יעדען טאג שטארקער געווארען דעם פאלקס איינפלוס פאר א פרייהער רעגיערונג.

דערמיט וואס אין אנפאנג פון דער יעצטיגער מלחמה האט די רוסישע זעלבסטהערשענדע רעגיערונג פראקלאמירט פרייהייט פאר פוילען און האט אבגעשאפט דעם פארקויף פון ,,וואדקא'' האט זי געמיינט אז זי וועט אונטערדריקען דעם פאלקס צארן.

אבער די דעמאקראטישע פאראייניגטע כוחות אין דער דומא און אין די מסטוואס איבער'ן גאנצען לאנד האבען דורכגעפיהרט דאס וואס פאר דער מ[illegible] איז בלויז א חלום געווען.

די עקזעקיוטיווע פון דער דומא וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די עלליים אלס די צייטווייליגע רוסישע רעגיערונג האט אין איהר פראגראם צווישען אנדערש אויך די פאלגענדע פרינציפען.

,,די אבשאפונג פון אלע סאציאלע, רעליגיעזע און נאציאנאלע פארפאלגונגען''.

אלגעמיינע שטים־רעכט.

ווען איך האב לעצטען אויגוסט אין סאוט וועסט טאראנטא גערעדט צו די אידישע בירגער פון יענעם געגענד, האב איך אויסגעדריקט א האפנונג אז דער רעזולטאט פון דער יעצטיגער מלחמה וועט זיין די באפרייאונג פון די אידען אין רוסלאנד פון אלע סאציאלע און פאליטישע אונטערדריקונגען.

איך האב אויסגעדריקט די האפנונג אז די אידען וועלען באפרייט ווערען פון דער ,,טשערטא'' און וועלען באקומען אין רוסלאנד דיזעלבע רעכטע ווי אין ענגלאנד און אין קענעדע, אבער דאס וואס עס האט מיט איניגע וואכען צוריק פאסירט אין רוסלאנד האט איבערשטייגט אלע מיינע האפנונגען, די רוסישע פרייהייט פארשפרעכט צו זיין פיעל ברייטער איידער יעדע האפנונג.

עס איז אויך אינטערעסאנט צו וויסען אז די פאליטישע און גלייכע רעכטע וועלכע די אידען באקומען איז אן אנערקענונג פאר זייער לאיאליטעט.

די שטעלונג פון די רוסישע אידען און זייער אונטערוואורפענקייט צו דער אוטאקראטיע און די פארברעכענס וועלכע זענען באגאנגען געווארען, איז געווען א צוגאב צו זייער טרייהייט.

נאך אין 1915 האט אונז די אידישע וועלט געזאגט:

''דייטשלאנדס שטרעבונג איז אז אין רוסלאנד זאלען פארקומען אינערליכע רייסערייען און איין טהייל פון דער באפעלקערונג זאל אנפאלען אויף דער צווייטער טהייל.

און צוליעב דעם איז אין רוסלאנד פארשפרייט געווארען דער אנטיסעמיטיזם, מיר האבען ניט איינמאל געזאגט אז קיין פריעדען אין רוסלאנד קען ניט זיין ביז דער שטארקער דייטשער איינפלוס וועלכער הערשט צווישען דער רוסישער ביוראקראטיע וועט ניט אויסגערייניגט ווערען, און אז פאר די אידען אין רוסלאנד איז קיין האפנונג ניטא ביז רוסלאנד וועט באפרייט ווערען פון איהר ,,סאמאדערזשאוויע''.

אידען צייכענען זיך אויס.

ווען מיר נעהמען אין אנבעטראכט אז אין צייט פון א יאהר נאכדעם ווי די יעצטיגע מלחמה האט אויסגעבראכען, זענען 350.000 אידישע סאלדאטען געווען אויף די רוסישע שלאכטפעלדער און האבען געקעמפט פאר רוסלאנד אין דער צייט האבען זיך 400 אידישע סאלדאטען אזוי אויסגעצייכענט אז זיי האבען באקומען געארגעוסקע קרייצען, אין דער זעלבער צייט דארף מען ניט פארגעסען זענען 200.000 אידען געטריבען געווארען ווי בהמות פון דריי דיסטריקטען מיט דער גרעסטער אכזריות אום אבצולויידיגען די דיסטריקטען פון אידען.

עס איז דעריבער ערפרעהענד צו זעהען אז אזא איבערגעבענהייט און טרייהייט פון אידען איז ענדליך באלוינט געווארען.

דער זעלבער גייסט פון לאיאליטעט וועלכער האט באהערשט די אידען פון רוסלאנד האט אויך ארומגענומען די אידישע פליכטלינגע פון פאלעסטינא און האבען זיך פארמירט אין א רעגימענט וועלכער איז ניט איינמאל געלויבט געווארען פון מיליטער עקספערטען.

דער רעגימענט וועלכער איז באקאנט געווען אונטער'ן נאמען ,,דער ציוניסטישער רעגימענט'' אונטער דער קאמאנדע פון קוירנאל י. ה. פעטערסאן איז פיעלע מאל געלויבט געווארען און האט באקומען די פולע אנערקענונג פונ'ם הויבט קאמאנדיר סער אייאן האמילטאן פאר די אויסגעצייכענטע ארבייט פון דעם רעגימענט אין די דארדאנעלען.

און קוירנאל פעטערסאן האט ניט איינמאל געזאגט אז די גאנצע 29־טע דיוויזיע וואלט געהאט אזעהר שלעכטען סוף ווען ניט דער אידישער מיול קארפוס וועלכער איז דארטען געווען דער איינציגער.

פאלעסטינא פאר אידען

איך האב ניט איינמאל געזאגט און האב אויסגעדריקט די האפנונג אז אידען וועלען באקומען פאלעסטינא אונטער דער פראטעקציאן פון ענגלאנד און איך זאג עס ווידער אמאל טראטצעדם וואס מען האט איניגע מאל מיך פרובירט אויסלאכען דערפאר.

די אידען אין רוסלאנד זענען באפרייט, זייער פרייהייט איז געזיכערט, די טערקען זענען ארויסגעטריבען געווארען פון פאלעסטינא, די פראגע וועלכע ווערט יעצט בלויז דעסקוטירט איז אונטער וועמענס פראטעקציאן פאלעסטינא זאל בלייבען אונטער ענגלאנד אדער פראנקרייך.

איך נעהם מיר דעריבער די עהרע פארצושלאגען די רעזאלוציע און אויסדריקען אונזער באנייטען צוטרויען אז יד נייע רוסלאנד וועט נאך שטארקער שטעהן אויפ'ן שלאכט־פעלד און קעמפפען פאר איהר פרייהייט און פאר דער אלמענשליכער פרייהיים.

פארלאמענט מיטגליעד גודרעהם וועלכער איז געווען דער אונטערשטיצער פון דער רעזאלוציאן האט זיך ערקלעהרט פאלשטענדיג איינשטימיג דערמיט וואס מר. דיוארד האט געזאגט.

דאס זעלבע האבען געטהון דער פרעמיער סער וו. הוירסט און מר. נ. ראוועל דער פיהרער פון דער אפאזיציע אויף זיי האבען שטארק געלויבט די אידען.

די רעזאלוציאן איז איינשטימיג אנגענומען געווארען פון אלע מיטגליעדער.

דייטשער ים מזיק ווידער פריי

האט געזונקען פיעלע שיפען.

יאנערי מערץ 31

די פראנצויזישע שיף קאמראן איז נעכטען אנגעקומען און האט מיט זיך געבראכט 285 מאטראזען פון געזונקענע שיפען וועלכע זענען געזונקען געווארען פון א דייטשען ים מזיק וועלכער געפינט זיך אין די דרום וואסערען.

דער ים מזיק האט שוין געזונקען ארום 15 שיפען און ווי די געראטעטע מאטראזען דערצעהלען איז דער דייטשער מזיק גוט באזארגט מיט אמוניציע און הארמאטען, און ער נעהט אונטער א נארוועגישען פלאג.

צוויי ענגלישע שיפען געזונקען אמעריקאנער אומגעקומען.

וואשינגטאן מערץ 31

צוויי ענגלישע שיפען מיט פיעלע אמעריקאנער וועלכע זענען געווען צווישען דער מאנשאפט זענען געזונקען געווארען פון דייטשע סובמארינס אהן ווארנונג

דער אמעריקאנער קאנסול פראסט פון קווינסטאון האט וועגען דעם צוגעשיקט אן אפיציעלען באריכט די געזונקענע שיפען זענען ,,סנאדאן רענדזש'' און ,,קריספין''.

די סובמארין וועלכע האט געזונקען די סנאדאן רענדזש האט ארויפגעשיקט עטליכע דייטשע מאטראזען און האבען צוגענומען פיעל פראוויאנט און קופער.

די רעגיערונג פון גאט איז אבגעשאפט

לאנדאן מערץ 31

די עטליכע דארפישע פארטרעטער וועלכע געפינען זיך אין דער דומא האבען נעכטען ארויסגעלאזען א מאניפעסט צו די פייערעס פון די דערפער

דער מאניפעסט לעזט זיך ווי פאלגט:

מען האט אונז געלעהרנט אין דער קירכע און אין די דארף שולען אז אונזערע הערשער זענען באשטימט געווארען פון גאט, פאר הונדערטער יאהרען האבען מיר געקרעכצט אונטערן יאך פון אוטאקראטיע, מיר האבען יעצט פון זיך דעם יאך ארונטערגעווארפען, מיר האבען איבערגענומען די הערשאפט אין אונזערע אייגענע הענט און לאמיר אזוי רעגירען אונזער לאנד באשטימענדיג א רעגיערונג וועלכע מיר אליין ווילען.

די בעסטע צייט פאר פריעדען

אמסטערדאם מערץ 31

א טעלעגראמע וועלכע איז היינט אהער אנגעקומען פון וויען מעלדעט דאס וויקטאר אדלער, דער פיהרער פון די עסטרייכישע סאציאליסטען האט געזאגט אין אפענטליכער רעדע אז איצט איז די בעסטע געלעגענהייט פאר די צענטראליזירטע מעכטע נאכאמאל אנצופאנגען א בעוועגונג פאר פריעדען

קלאוקמאכער סטרייק געסעטעלט

וואס די מאניפעקטשורערס האבען פערלוירען.

מר. ש. קאלדאווסקי דער מענעדזשער פון דער היגער קלאוקמאכער יוניאן האט ערהאלטען א טעלעגראמע פון מאנטרעאל אז דער קלאוקמאכער סטרייק איז געסעטעלט געווארען.

דער סטרייק האט אנגעהאלטען 9 וואכען און איז געווען א שטארק פערביטערטער.

אלע קלענערע שעפער האבען געסעטעלט באלד נאכדעם ווי דער סטרייק האט זיך אנגעפאנגען און זיי האבען ווירקליך בעקומען דעם בענעפיט דערפון.

דאס וואס די גרויסע שעפער האבען געסטרייקט האבען דערווייל די קליינע פירמעס געטהאן ביזנעס און האבען פאר דער צייט צוגענומען די ביזנעס פון די גרויסע.

פון די 950 ארבייטער וועלכע זיינען צוערשט ארויס אין סטרייק האבען זיך ביסלאכווייז צוריקגעקעהרט 800 ארבייטער און די איבעריגע זיינען געווען פאר דער אינטערנעישאנאל און פאר דער היגער יוניאן זיי אויס צו האלטען.

די גרויסע פירמעס זיינען יעצט אויף צרות.

דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען אויף די פאלגענדע קאנדיציעס.

48 שטונדען ארבייט א וואך לויט דעם פערלאנג פון דער יוניאן.

אלע איבעריגע פראגען זאלען געסעטעלט ווערען פון דער אויסגעקליבענער ארביטריישאן באארד וועלכע דארף בעריכטען ניט שפעטער ווי דעם 1־טען יוני

מר. ה. וויינבערג
פרעזידענט פון'ם "אידישען זשורנאל"
שיקט
געלד קיין רוססלאנד
לויט'ן טאגעס קורס
32c.
(פאר'ן רובעל)
מיר שיקען אויך טעלעגראפיש.
געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון : דער וועלט. :

קייזער ווילהעלם האט שוין לאנג געגעבען ניקאלאיען א גוטע עצה

דער פרייהייטס ליעבענדער קייזער האט געראטהען ניקאלאיען ער זאל נאכגעבען דאס פאלק די גערעכטע פאדערונגען.

בערלין מערץ 31

דאס ערווארטעטע איז ניט געשעהען, מען האט ערווארטעט אז אין דער רעדע וועלכע דער רייכס קאנצלער פאן בעטמאן האלוועג וועט האלטען פרייטאג אין רייכסטאג וועט ער מאכען א נייעם פריעדענס פארשלאג צו די עלליים, מען האט אויך ערווארטעט אז אום אויסצומיידען קריעג מיט די פאראייניגטע שטאאטען וועט דער רייכסקאנצלער אנאנסירען אז דייטשלאנד מאדיפיצירט איהר סובמארין בלאקאדע אבער פון די אלע ערווארטונגען האט זיך גארנישט אויסגעלאזט דער קאנצלער האט טאקע גערעדט וועגען אמעריקא אבער אין אן אנדער פארמע ער האט גערעדט אין אזא פארמע פונקט ווי א צושטאנד פון קריעג עקזיסטירט שוין צווישען אמעריקא און דייטשלאנד.

ער האט געזאגט:

אין עטליכע טעג ארום וועלען די פארטרעטער פון אמעריקאנער פאלק זיך פארזאמלען אין אן עקסטרא סעסיע פון קאנגרעס אויפ'ן פארלאנג פון פרעזידענט ווילסאן צו באשליסען אויף דער פראגע פון קריעג און פריעדען צווישען אמעריקא און דייטשלאנד.

דייטשלאנד האט קיינמאל ניט געהאט אין זינען צו אטאקירען די פאראייניגטע שטאאטען און האט עס אויך יעצט ניט אין זינען.

דייטשלאנד האט קיינמאל ניט געוואלט קיין מלחמה מיט די פאראייניגטע שטאאטען און וויל עס יעצט אויך ניט אבער ווי אזוי האט דאס פאסירט עס זאל קומען צו אזא צושטאנד?

מיר האבען ערקלעהרט די פאראייניגטע שטאאטען עטליכע מאל אז אום צו צווינגען ענגלאנד זי זאל אויפגעבען איהר אונמענשליכע און אונגערעכטע בלאקאדע וועט זיך דייטשלאנד מוזען באנוצען מיט אן אונבאגרענעצטער סובמארין מלחמה.

פרעזידענט ווילסאן און סעקרעטערי אף סטייט לאנסינג האבען אליין ערקלעהרט אז ענגלאנדס בלאקאדע איז אן אונגעזעצליכע, און דאך האבען זיי גאר נישט געטהון אלע אונזערע ערווארטונגען אז פרעזידענט ווילסאן וועט ווירקען אויף ענגלאנד זי זאל אויפגעבען איהר בלאקאדע האט זיך אויסגעלאזען מיט גאר נישט, ענגלאנד האט ניט נאר ניט אויפגעגעבען איהר בלאקאדע אויף דייטשלאנד נאר זי האט אויך צוריקגעוויזען דייטשלאנדס פריעדענס פארשלאג און האט דערביי פראקלאמירט איהרע מלחמה צוועקען און דאס איז צו פארניכטען דייטשלאנד.

מיר האבען זיך דאן גענומען צו אונזער אונבאגרענעצטער סובמארין וואפען, מיר זענען געצוואונגען געווען דאס צו טהון.

אויב דאס אמעריקאנער פאלק זעהט אין דעם א גענוגענדע אורזאכע פאר וועלכער אונז צו ערקלעהרען קריעג נאכדעם ווי די ביידע נאציאנען האבען פאר הונדערט יאהר געלעבט אין פריעדען, אויב דאס אמעריקאנער פאלק וויל גרעסער מאכען די בלוט בעדער פון איירא[illegible]א, דאן וועלען מיר ניט זיין די שולדיגע אין דעם.

מיר טראגען ניט קיין האס צום אמעריקאנער פאלק.

קייזער ווילהעלם האט געראטהען דעם צאר נאכצוגעבען דעם פאלקס פארלאנג.

דער רייכס קאנצלער האט אויך גערעדט וועגען דער איבערקעהרעניש אין רוסלאנד און וועגען די באציהונגען צווישען דייטשלאנד און רוסלאנד.

ער האט געזאגט:

די פריינדשאפט צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד האט זיך געענדיגט מיטן טויט פון אלעקסאנדער דעם צווייטען.

ווען נאך דער יאפאנעזישער קריעג האט זיך אנגעפאנגען די רעוואלוציע אין רוסלאנד האט דער דייטשער קייזער געראטהען ניקאלאיען ער זאל זיך ניט איינשפארען און זאל נאכגעבען דאס פאלק די גערעכטע פאדערונגען, אבער ניקאלאי האט איהם ניט געוואלט פאלגען און האט זיך אויסגעקליעבען אן אנדער וועג.

כינא האט דער רייכסקאנצלער געזאגט איז ניט שולדיג וואס זי האט זיך פארפלאנטערט מיט דייטשלאנד זי האט עס געטהון אונטער'ן דרוק פון אונזערע שונאים און פאלגליך איז זי פאר גארנישט ניט פאראנטווארטליך.

אין דעם טאן איז אין גאנצען געווען דעם קאנצלערס רעדע.

און די פרייהייטס ליעבענדע מענשען זענען געבליעבען ענטוישט, ווייל זיי האבען ניט ערווארטעט קיין קריעג, נאר א פריעדענס רעדע.

נייע רעגיערונג בעזוכט דעם שלאכטפעלד

מאכען נייע פארארדנונגען.

לאנדאן מערץ 31

א טעלעגראמע צו דער רייטערס טעלעגראף קאמפאניע פון פעטראגראד מעלדעט דאס פרינץ לוואוו, דער רוסישער פרעמיער צוזאמען מיט זיינע חברים די פראוויזארישע רעגיערונג האבען פערלאזען פעטראגראד און זיינען אבגעפאהרען צום פראנט אויפ'ן שלאכטפעלד. זיי וועלען בעזוכען די הויפט קווארטערס פון דער מלחמה געגענד.

טויט שטראף אבגעשאפט

די זעלבע טעלעגראמע מעלדעט אויך דאס די פראוויזארישע רעגיערונג האט אבגעשאפט טויט שטראף פאר די סאלדאטען.

א פראקלאמאציע צו די פאליאקען

א פרייע פוילען ערווארטעט.

אנאנדער טעלעגראמע צו דער רייטערס טעלעגראף קאמפאניע פון פעטראגראד מעלדעט דאס די פראוויזארישע רעגיערונג האט ארויסגעלאזען א פראקלאמאציע צו די פאליאקען וואו עס ווערט פארמעל אנאנסירט דער רעגיערונגס פערלאנג דאס די פאליאקען זאלען פאר זיך אליין בעשטימען וואס פאר א סארט רעגיערונג זיי פערלאנגען צו האבען.

עס ווערט אויך געזאגט [illegible] פערלאנג פון דער רעגיערונג דאס עס זאלען פאראייניגט ווערען די דריי אבגעזונדערטע טהיילען פון פוילען און עס זאל פארמירט ווערען איין פוילישע רעגיערונג, אונאבהענגיג פון דער רוסישער רעגיערונג.

עס ווערט אויך געמאלדען דאס די ארמיראליטעט האט פארמעל געשוואוירען טרייהייט צו דער פראוויזארישער רעגיערונג.

פוילענס פרייהייט מיט פרייד אויפגענומען.

פעטראגראד מערץ 31

די פראקלאמאציע פון דער פראוויזארישער רעגיערונג וועגען דער פרייהייט פאר פוילען איז אויפגענומען פון די פוילישע פיהרער און פון דעם פוילישען פאלק מיט זעהר א גרויסען ענטהוזיאזם, איינער א דומא דעפוטאט ס. נארוסעוויטש האט אויסגערופען: אויב עס האבען זיך געפונען אזעלכע וועלכע האבען געוואלט מאכען א פאראייניגונג מיט די צענטראלע מעכטע האבען זיי איצט אבער פערלוירען דעם גאנצען באדען פון הינטער זייך.

דער סומערס קרבן

א העכסט שפאנענדער ראמאן פונ'ם אידישען לעבען אין רוסלאנד און קאנאדע

פון ב. בארא̈ץ

(96־טע פארטזעצונג)

ווי איך האב שוין געזאגט, האט די פרוי פארטגעזעצט, מוזט איהר האבען יעמאנדען אין לאנד אידער מען לאזט אייך אריין, דאס דארף זיין א פאטער, א ברודער אדער א שוועסטער, און פאלגליך וועט איהר דארפען זאגען אז איהר פאהרט צו אייער פאטער ווען מען וועט עס אייך פרעגען.

וואס הייסט צו מיין פאטער? האט סאניטשקא געפרעגט און האט אנגעשטעלט אויף די פרוי איהרע שעהנע אויגען.

איהר האט דאך מיר ערשט געזאגט אז איהר וועט אלעס טהאן וואס איך וועל אייך הייסען וואס זשע פרעגט איהר שוין?

יא, אבער מיין פאטער איז דאך געשטארבען. איך האב ניט קיין פאטער.

האב איך אייך דאך געזאגט אז איהר וועט דארפען זאגען א ליגען אבער אויב איהר ווילט ניט זייט אייך געזונטערהייד און טהוט אייך וואס איהר ווילט.

די רייכע פרוי האט געמאכט דעם אנשטעל אזוי ווי זי וואלט געוואלט אוועקגעהן אבער סאניטשקא האט זי אנגעכאפט פארן האנד און האט זי צוגעהאלטען. מיין ליעבע פרוי איהר זייט צו מיר גוט ווי א מוטער אויב איהר זאגט אזוי ווייסט איהר געוויס בעסער פאר מיר איך וועל טהאן אלעס וואס איהר וועט מיך הייסען.

אויב אזוי דאן הערט, איך זעה אז איהר זענט אן איינגעשפארטע מיידעל און ווילט ניט פערשטעהן וואס מען זאגט אייך און איך האב מורא אז ווען עס וועט קומען צו עפעס וועט איהר זאגען אז איך האב אייך אזוי געהייסען זאגען און איך קען צוליעב אייך אריינפאלען.

סאניטשקא האט איהר ניט געלאזען ענדיגען און שווערענדיג ביים אנדענקען פון איהר פאטער וועלכען זי האט געליעבט מעהר ווי איהר אייגענעם לעבען אז זי וועט אלעס זאגען ווי זי וועט איהר הייסען און אונטער אלע אומשטענדען ווען זי זאל זאגאר וויסען צוריק צו דארפען פאהרען וועט זי פאר די בעאמטע ניט ארויסגעבען אז זי האט איהר געלערענט וואס און ווי אזוי צו ריידען און וואס צו זאגען.

זעהענדיג אז סאניטשקא מיינט וואס זי זאגט און אז זי וועט איהר ווארט האלטען האט איהר די פרוי פארגעלייגט דעם פאלגענדען פלאן.

מיך וועט קומען בעגעגענען מיין מאן און מיינער א שוואגער און א שוועסטער. איך וועל זיי שוין אנווייזען אויף אייך. מאכען דעם אנשטעל אז ער איז אייער פאטער, ער וועט זיך אייך ווארפען אויף'ן האלז און וועט אייך קושען איהר זאלט דאס זעלבע טהאן. איך וועל אוועק צוזאמען מיט מיין שוועסטער און מיין שוואגער און איהר וועט געהן מיט מיין מאן. איהר וועט פאהרען אויף א בעזונדער וועג אבער איהר זאלט גאר קיין מורא ניט האבען ווייל איהר זענט אין זיכערע הענט.

געדענקט זשע איין זאך אז ביים אראבשטייגען פון שיף זאלט איהר זעהן צו געהן גלייך נאך מיר. איהר וועט דאן אריינפאהרען צו מיר אין הויז און אזוי שנעל ווי איהר וועט שוין זיין אין שטאדט וועט איהר קענען טהאן וואס איהר וועט וועלען און געהן וואוהין איהר וועט וועלען.

פאר סאניטשקאן איז ניט געווען קלאהר אלעס וואס די רייכע פרוי האט איהר דערצעהלט און ווי דער פלאן וועט דורכגעפיהרט ווערען. אבער זי איז געווען צופריעדען וואס ענדליך איז דא אן אויסוועג ווי אזוי זי וועט קענען לאנדען.

די עטליכע טעג וועלכע זיינען נאך פערבליבען ביז די שיף וועט אנקומען אין מאנטרעאלער האפען איז סאניטשקא אומגעגאנגען א צוטראגענע. זי איז געווען שטארק נערוועז און די רייכע פרוי איז פון איהר ניט אבגעטראטען די גאנצע צייט.

סאניטשקאן האט עפעס דאס הארץ געשראקען אליין ניט וויסענדיג פאר וואס אבער עפעס האט זי זיך געשראקען.

און די רייכע פרוי האט איהר אלץ געהאלטען אין לעהרנען ווי אזוי זי זאל זיך האלטען וואס זי זאל ענטפערען אויף יעדער פראגע בעזונדער און פראגען זיינען געווען אזוי פיעל און סאניטשקאן האבען זיך אלע פראגען געפלאנטערט אין קאפ. זי האט זיי גוט אין קאפ אריינגענומען הערפאר האבען זיי זיך עפעס געדרעהט אהן א גאנג און אהן א ארדנונג.

און אט איז אנגעקומען די צייט. די שיף האט זיך גענומען דערנעהענטערען צום האפען. אלע פאסאזשירען זיינען פרעהליכער געווארען. ענדליך וועלען זיי פערלאזען די שיף וועלען בעטרעטען דעם הארטען בארדען פון דער ערד.

עס איז עפעס א מאדנע זאך מענשען וועלכע פאהרען אויף'ן ים אונטער אלע בעקוועמליכקייטען וועלכע א מענשענס פאנטאזיע האט נאר געקענט בעשאפען און בעקוועמליכקייטען וועלכע מען קען נאר פיעל געלד בעקומען, איבערהויפט די פאסאזשירען פון דער ערשטער און צווייטער קלאס. דאך ווערט עס דערעסען און מען וואלט געוואונשען וואס שנעלער ארונטערצוגעהן די שיף און בעטרעטען די הארטע ערד.

אויפ'ן שיף האט זיך גענומען רוהערען. די מאטראזען זיינען געווען פערנומען מיטצוגרייטען די שיף צו לאנדען. די פאסאזשירען האבען איינגעפאקט זייערע קליידער צום לעצטען מאל. צייט האט שוין כמעט קיינער ניט געוואלט עסען, זאגאר די קעסלען פון דעם גרויסען ים ריעז האבען אויסגעקוקט ווי פערמאטערט ווייל זיי האבען שטארק געסאפעט און ארויסגעלאזען פון זיך דיקע וואלקענס רויך. אלע זיינען געווען פרעהליך בלויז סאניטשקא איז געווען פערזארגט דאס הארץ האט איהר געדריקט און זי האט זיך אזוי געשראקען.

נאר אט איז געקומען דער מאמענט א זעהר עלעגאנטער אימיגראציאנס בעאמטער האט איהר אין א אויסגעצייכענטער דייטשער שפראך געפרעגט וואוהין זי פאהרט, און בלויז איהר ענטפער אז זי פאהרט צו איהר פאטער איז גענוג געוועזען.

סאניטשקא האט נאך קיין צייט ניט געהאט זיך רעכט ארומצוקוקען ווי עפעס א הויכער עלטערער מאן מאדנע גראב און אומגעלומפערט איז איהר ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האט זי גענומען קושען. זי האט שיעור ארויסגעלאזען א געשריי נאך הילף. זי האט זיך אבער דערמאהנט אן דער פרוי און די אימיגראציאנס בעאמטע וואס זי האט איהר אנגעזאגט ווי זי זאל זיך בעגעהן, און זי האט צוריק גענומען קושען דעם מאן. זי האט אבער אין דעם געדרענג אין גאנצען פערלארען פון די אויגען. דער מאן האט זי גענומען אונטערן האנד און ארויספיהרענדיג פון האפען האט ער זי אריינגעזעצט אין אן אויטאמאביל וועלכער האט זיך שנעל אוועקגעלאזען איבער די מאנטרעאלער גאסען.

א גרויסער פעך שווארצער ניגער האט דעם אויטאמאביל שנעל געטריבען און סאניטשקאן האט שטארק געשווינדעלט אין די אויגען. זיי זיינען צוגעפאהרען צום טבוי און דער מאן האט געקויפט בילעטען.

די גאנצע וועג האט צו איהר דער מאן קיין ווארט ניט גערעדט. ער האט איהר בלויז געזאגט אז אין טאראנטא קומט ניט קיין שיף ביז טאראנטא דארף מען פאהרען מיט דער טריין. אין טריין האט זי זיך צוריק בעגעגענט מיט יענער פרוי וועלכע האט איהר געהאלפען און איז צוזאמען מיט איהר געקומען אין איהר הויז אין טאראנטא.

(פארטזעצונג פאלגט)

בהכשר **יין גפן ויין שרף לפסח** הרבנים

עטאבלירט 1880 טעל. איסט 193

ביי ב. ראם און קאמפ.

אונזער נאמען און בעהאנדלונג איז בעקאנט צום פובליקום אין גאנץ קאנאדע, בעטראכט איינינע פון אונזערע פרייזען און שרייבט פיר אייער ארדער בעצייטענס, אום מיר זאלען קענען פינקטליך אטענדען.

	א דאזען	א גאלאן
אימפארטירטע סליוואוויץ 100 פראצענט — 8־טער —	$11.00	$7.00
אימפארטירטע סליוואוויץ 100 פראצענט — 6־טער —	15.00	
קאליפארניע ברענדי 100 פראצענט — 8־טער —	11.00	7.00
קאליפארניע ברענדי 100 פראצענט — 6־טעל —	15.00	
פיטש ברענדי, טשערי ברענדי, מאלינאווקע און אפריקאט — — — — — 8־טער —	10.00	6.00

גרייפ וויין זיסע און שטארקע — — — $1.50 און $2.00

פארט, מאלאגא און מוסקאטעל זיסע און שטארקע — 2.50 און 3.00

מעד, שטארקע און זיסע — — — — — — — — — — א $1.25

קאסטאנער ספירט, ווייסער 150 גראד — — — — — 8.00

הויפטע זאפעס גראדנער ספירט 90 פראצענט $1.40, 80 פראצענט $1.20, 70 פראצענט $1.00, 60 פראצענט 90. סענט פער באטל.

אלע סארטען פראנצוויל ליקאר צו ביליגע פרייזען

דוטאנס אינקלודעט אין די פרייזען, דיעזע פרייזען זיינען F.O.B. מאנטרעאל וויינען אין באטלס, קארמעל, ווייז און קאניאק צו ביליגע פרייזען ווערן עסיג פריי מיט אייערע ארדערס אויפ'ן פערלאנג.

B. RAM & CO.' INC.

288-93 St. Dominique Street Montreal, Que.

אפען אלע אווענדען | **ליוואי'ם** | 260 יאנג סטריט

ספעשעל פאר מאנטאג לכבוד פסח

2000 פאר נייע ספרינג פרויען שיך צו $7.95



געמאכט פון פיינער קאלירטער קיד לעדער, מיט קלאטה טאפס צו מעטשען.

קאלירטע קיד לעדער מיט קלאטה טאפס זענען די שעהנסטע זאך פאר פרויען צו טראגען אין ספרינג — איצט טראגען דאס די גרעסטע סטיילישסטע פרויען פון פאריז, לאנדאן ניו יארק, איינע פון די פיעלע מאדעלען איז דא אילוסטריט, דאס זענען די שעהנסטע און פראקטישסטע שיך וואס מיר האבען געוויזען און דער פרייז $7.95 איז די גרעסטע ווערטה וואס מיר האבען ווען ארויסגעשטעלט.

פאלגענדע לעדער געהט צוזאמען מיט די קאמבינאציאנס:

פעטענט וועמפס מיט פיור ווייסע טאפס.
שווארצע גלאזירטע קיד מיט טונקעל גרעי טאפס.
ראשיען קאלף מיט מודע טאפס.
טונקעל ברוין קיד לעדער מיט טאפס צו מעטשען

פון סלייט גרעי סוויד.
ווייסע וואשעבעל קיד
ווייסע באק לעדער
ווייסע סוויד לעדער,
שווארצע קיד מיט פאון קלאטה טאפס.
שווארצע קיד מיט ווייסע קיד טאפס.

אן איסערגעוויעהנליכער איספארקייף אויף פסח וואס יעדע פרוי וועט אנערקענען ווען זי וועט זעהען די שיך.

A. LEVY'S
Popular Priced
Shoe Store

260 YONGE ST.

פאלקס פעראיין קוויטירונגען

ביי א פדיון הבן ביי מר און מרס צוקער אין 182 יוראן סטריט געזאמעלט דורך דעם אפיעל פון מר. שאגאלאוו, וועלכער האט שוין פיעל מאהל געזאמעלט פאר דעם פעראיין, 10 דאלאר. מרס גאלדמאן פון 113 דיארסי האט געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

ביי א מלוה מלכה אין 24 קענזינגטאן עוועניו איז געזאמעלט געווארען $10.25 מר און מרס לופט שפרינגער האבען געבראכט דאס געלד.

ביי א תנאים ביי מר. שמעון זלמן קאכארסקי מיט מיס פעסעל בזשעסקי אין 2 ארמארי סטריט, געזאמעלט דורך יעקב גאטליעב, און מ. קראנזילבער 4 דאלאר חתן כלה האבען געבראכט דאס געלד.

געבראכט פון מר. רייקום 208 מענינג עוועניו 5 דאלאר. די אדווערטייזמענט האבען מיר ניט.

געבראכט דורך מרס גאלדשטיין פון א פרוי 1 דאלאר צום פעראיין.

סענדער וויינטרויב נדר 50 סענט.

ביי א פארטהי פון דזשי און דזשי ארבייטער אין הויז פון מר און מרס פוקס 69 דיארסי סטריט, איז געזאמעלט געווארען דורך מר. סעמיועל 16 דאלאר. מר. דזשייקאבס האט דערלייגט 4 דאלאר צו ברענגען דאס געלד.

דורך א טעות קוויטירען מיר נאכאמאל דאס געלד וואס אונזער מיטגליעד אייזיק אייזענבערג האט געבראכט פון א תנאים אין 16 לאפלענטי עוועניו $5.60

דער פאלקס פעראיין ווינשט מזל טוב אלעמען דאנקט די מנדבים און זאמלער, ווינשט אלעמען א פרעהליכען פסח

ה. מ. קירשענבוים, סעקרעטער.

טעלעפאנירט נאך אלעס וואס איהר דארפט מיין 298

Welch
304 QUEEN WEST

אפען יעדען אווענד ביז 9 אזייגער

גרייט אייך אן אויף יום־טוב

סאליד אוק בופעט

42 אינטש קיים באפעט אין פוונד פיניש מיט פולע ברייטע קאפבאורד מיט שיפלאדען און שפיגלען אין דער בעק ספעשעל — — — $19.85

2 גרויסע ספעשעלס אין עלעקטרישע פיקסטשורס



בלויז זעקס, צו 3, 4, און 5 לייטס אין א פיקטשור. אלע פערשיעדענע דעזיינס און אנדערש געפינישט, ווערטה פון $10.00 ביז $18.00

ספעשעל פרייז $4.95

סאליד אוק עקסטענשאן טייבעלס

42 אינטש רונדען טיש מיט זעקס פיס עקסטענשאן פיומד אדער גרעי גאלדען פיניש. דאס איז א ווערט וואס מיר קענען דאס נאכאמאל ניט קריגען

בלויז מאנטאג $10.25



אן אויסוואהל פון האלבע קונלען פון אינדירעקט ליכט

מיט ווייערס פארטיג צום נוצען. ווערטה פון $7.00 ביז $12.00

אייער אויסוואהל $5.35

עמערסאן רעקארדס 35 סענט

דיעזע רעקארדס ענטהאלטען א צאהל פון אויסגעוועהלטע אידישע רעקארדס מען קען זיי שפיעלען אויף אלע מאשינען, האבען סעלעקשאנס פון ביידע זייטען.

גרויסטע גראמאפאן ספעשעל

די דאזיגע מאשינען דארף מען הערען כדי צו קענען האבען דערפון א הנאה. אין גאנצען געמאכט פון בעל מעטאל און האט א וואונדערבארען בעלטאן, שפילט מיט אלע רעקארד.

ספעשעל 14.35

אלע סחורות זענען געמארקט מיט איינפאכע מזומן פרייזען

פארניטשור | **א. וועלש און זוהן** „די סטאוו סטאר" | סטאוו

ביזנעס טשאנזשעס

אלטע ברעסענע בעטען ווערען איבער געפאלישט און זיי ווערען ניי. און ווער עס האט איין בעט איבערצופאלישען זאל צוזוויסען געבען קענעדיען ברעס אינד פיקטשור פאלישינג קא. 219½ סט. פעטריק סטריט.
10340—4—28

אברהם איין קארפענטער פון בעלעצערקווע, קיעווער גובערניע, געוויינט אין יעקאטערינאסלאוו, געזוכט פון יהודה קארצעווסקי פון פעטערבורסקע גאס. נאכפרעגען 32 בולווארד סטריט.
10363—4—1)

„ליטל איטאלי" מופט אין 266 פארלאמענט סטריט דעם 1־טען מאי דעם 19טען מאי גיעב איך בארגיינס אין פארלאמענט סט. סטאר ביז דעם 1טען יוני. פאר חתונות ברית'ן און פארטים גיעב איך פאר מיינע קאסטימער נייע דישעס.
10370—4—1

איך מאך בעקאנט מיינע אלע קאסטימער, אז איך קען אייך צופרידען שטעלען אין די לייטעס דעזיינס פון פייער און צופאסען פייפער און ארבייט פאר $5.00 איין רום. לאזט מיר וויסען אין פארפעלאפסקיא 27 ווידמער סטריט.
10322—4—1)

טייפרייטער ווערען פערדונגען.
סמיטה פרעמיערס טייפרייטערס. מאדעלען נומער 2, דריי מאנאטען פאר פינף דאלאר. וויזיבעל מאנדלין דריי מאנאטען פאר $7.50,
נעשאנעל טייפרייטער קאמפאניע, 78 וויקטאריא סטריט.

ביזנעס סויפען און צו פערקויפען

צו פערקויפען צוויי ריעס באטאן מאשינען, מוז גלייך פערקויפט ווערען. אייגענטהימער מוז אוועקפאהרען, גאראנטירט צו זיין גוט.
נאכפרעגען ה. גישער צווישען 5 און 7 נאכמיטאג. טעלעפאן היל. 2154.
10375 4 3

א גרויסער בארגיין אין הייזער א סאליד בריק הויז קארנער דעניסאן עוועניו ווערטה 5 טויזענד דאלאר פאר $3350 קעש 400 דאלאר

קארנער מארקהעם און ראבינסאן סטריט ווערטה 4500 דאלאר פאר $2650

א הויז אין וואולזלי סטריט 6 רומס אלע קאנוויניענס פאר $1850.

פרעגען 25 בעלוויו פליים.
טעלעפאן קאלעדזש 268.
10387—4—6

צו פערענטען א סטאר מיט 6 רומס $30 א מאנאט, פאסענד פאר א שוסטער ווייל פריהער איז געוועזען דארט א שוסטער, 171 קווין סט. איסט. פרעגען 177 קווין סט. איסט.
10349—4—1)

צו פערקויפען א סאדע פאנטען מיט א נעשאנאל קעש רעדזשיסטער, סייף און א לאנגער קאנטער. אויך א גרויסע אייז באקס. פרעגען 265 קווין סט. איסט.
10367—4—1)

רוסלאנד—א פרייע מדינה

יעצט האט יעדער איד די בעסטע געלעגענהייט צו שיקען געלד אהיים פאר אזוינע נידריגע פרייזען:

10	רובעל — — — — —	$ 3.10
20	רובעל — — — — —	6.20
30	רובעל — — — — —	9.30
40	רובעל — — — — —	12.40
50	רובעל — — — — —	15.50
60	רובעל — — — — —	18.60
70	רובעל — — — — —	21.70
80	רובען — — — — —	24.80
90	רובעל — — — — —	27.90
100	רובעל — — — — —	31.00
200	רובעל — — — — —	62.00
300	רובעל — — — — —	93.00
400	רובעל — — — — —	124.00
500	רובעל — — — — —	155.00
600	רובעל — — — — —	186.00
700	רובעל — — — — —	217.00
800	רובעל — — — — —	248.00
900	רובעל — — — — —	279.00
1000	רובעל — — — — —	310.00

20 סענט פאסט־געלד פאר יעדען ארדער עקסטרא. אויך שיקען מיר געלד קיין הולאנד טעלעגראפיש. קאנטרי אידען קענען אייך שיקען געלד דורך אונזער אפיס. אריינשיקענדיג א מאני ארדער און אייער דייטליך געשריבענעם רוסישען אדרעס.

ל. ראטענבערג און סאנס
BANKERS
שיפס־קארט און אינשורענס בראקערס
141 קווין סטריט וועסט.
טעלעפאן עדעלייד 675
עטאבלירט 1899

ארבייטע פערלאנגט

פערלאנגט א פעהיגען יונגען מאן זאל קענען אידיש און ענגליש פרעגען אפיס פון „זשורנאל"

פערלאנגט גוטע פינישערס צו פאר גוטע ווייזדעס געצאהלט צו גוטע הענד סטעדי דאס גאנצע יאהר נאכפרעגען י. שווארץ 72 בעי סטריט

פערלאנגט יונגע לייט פאר טרעוועלן, זאלען קענען אביסעל פוליש. פרעגען 211 טשוירטש סטריט.
10336—4—1)

פערלאנגט א שניידער. פרעגען טאנליע 298 יאנג סט.
10364—4—1)

פערלאנגט א מאן פאר א רעג שאפ. פרעגען וועסטערן רעג און מעטעל קא. 442 קינג סט. איסט.
10365—4—1)

פערלאנגט פינישערס ביי פענטס 25 סענט א פאר. סטעדי ארבייט צו די ריכטיגע פערזאנען. פרעגען מ. דזשייקאבס 499 אדעלייד סט. וועסט.
10369—4—1

פערלאנגט אפרייטערס צו קלאוקס און סוטס און פינישערס. די בעסטע וויידזשעס געצאהלט. אויך אן עקספיריענסד סעמפעל מאכער, ער זאל פארשטעהן אביסעל דעזיינינג. פאסלאנס און סאנס 296 ריטשמאנד סטריט וועסט.
10371—4—1)

פערלאנגט א פוירסט קלאס בושעלמאן סטעדי און גוטע וויידזשעס. פרעגען וו. טאמערלען 170 יארק סט.
10361—4—1)

פערלאנגט א פארטנער פאר איין קלינינג און פרעסינג. פרעגען 719 באטהורסט סטריט.
10355—4—1)

פערלאנגט פינישערס ביי לייריס קלאוקס און סוטס, פרעגען דזשי און דזשי גארמענטס.
260 ריטשמאנד סטריט וועסט.
10386—4—3

פערלאנגט א פרעסער. פרעגען עפישענט קלינינג קאמפאניע,
250 ספעדיינא עוועניו.
10384 4—2

פערלאנגט עקספיריענס אפערייטערס ביי סקווירטס קאוטס און סוטס, פינישערס און בייסטערס. פרעגען קאנסילידייטעד קלאוק קא. 310 ספעדיינא עוו.
10356—4—1)

פערלאנגט א פארטנער א מאן וואס פערשטעהט גרינדליך פייפער באקסעס פאבריצירונג מיט עטוואס קאפיטאל זאל מעלדען „זשורנאל" באקס 384.

פערלאנגט עקספיריענס פינישערס צו קלאוקס און סוטס א. ראט 122 ריטשמאנד סטריט וועסט.
10332—4—1)

צו פערענטען

פערלאנגט צוויי פאסיגע צימערען פאר דער שלום עליכם ביבליאטעק

נאכצופרעגען ה. מ. קירשענבוים אין אפיס פון אידישען זשורנאל

צו פערענטען א סטאר מיט 6 רומס קארנער טעראלי און עלים גוט פאר אלע סארטען ביזנעס. פרעגען 152 סענט פעטריק סטריט.
10376—4—2

צו פערענטען אין 40 ארטהור סט. איין סטאר מיט 8 רומס מיט אלע קאנוויניעס. אנפרעגען 97 מארקהאם סט.
10372—4—5)

צו פערקויפען א דריי־גודס און קראקערי סטאר, זיכער א לעבען צו מאכען אורזאכע מען פערלאזט טאראנטא. פרעגען 84 ארטהור סט.
10359—4—1)

צו פערקויפען א ביזנעס פון דריי־גודס און דזשענטס פארנישינג. זיכער א לעבען צו מאכען. פאר איינצעלהייטען 625 קווין סט. וועסט.
10350—4—1)

כשר
TERDIMAN'S

כשר וואורסט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע באסטורמעס, וואורשט, סאלאמא, פאסטראמא, צונגען און אלע סארט פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר מאכלים מיט'ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
[illegible]

עס ווערט געברויכט אין מיליאנען טשייניסלאד טעגליך—יעדער בלאט איז ריין

"SALADA"

די טהעע האט אלע מאהל דעם זעלבען געשמאק

שווארץ, גרין אדער געמישט } בלויז פערזיגעלטע פעקלאך

דער רעזולטאט פון די שטאדט-ראט-וואהלען אין גאנץ פוילען

קאפענהאגען.

וועגען די רעזולטאטען פון די וואהלען אין די שטאדראטען אין די פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען האבען מיר ערהאלטען פאלגענדע ווייטערע ידיעות:

זגיערזש.

פון די אידען איז דא אין דער זעקסטער קוריע געוועהלט געווארען ה'. א. מארגענשטערן. דער אלגעמיינער רעזולטאט פון די וואהלען איז: 10 פאליאקען 9 אידען. 4 דייטשען און איין סאציאל-דעמאקראט.

ווייעלון.

אויף די 18 ראטסמענער זענען דא אין דער דריטער קוריע אויסגעוועהלט געווארען פאלגענדע 6 אידען: מאיר באַרדאווסקי, הערשעל דאווידאוויטש, שלמה גאלדשטיין, דוד קאבער, שאול פערנטקא, אברהם רייגנאלד און ווינקלער.

שטשאנאוו.

אויף די 9 ראטסמענער אין היגען שטאדטראט זענען אויסגעוועהלט געווארען בלויז קריסטען.

בזשעזשין.

צוליעב דעם וואס דא איז אנגענעבען געווארען א פעראייניגטע פארשלאגס ליסטע, זענען דא קיין וואהלען נישט פאר געקומען. ווי דער וואהל-קאמיסאר האט בעקאנט געמאכט, איז די פארשלאגס-ליסטע בעשטעטיגט געווארען, עס זענען אלזא געוועהלט געווארען: אין דער 1 קוריע: פ. מ. מענדלאוויטש, מ. ראזענבערג. ד. קייפמאן, פ. יאקובאוויטש, אין דער 2 קוריע: ל. נארעצקי, ס. בורסא, קאראטשעווסקי, מ. דוראנסקי, אין דער 3 קוריע: א. בעזשעזינסקי, ל. סמאלארסקי, פ. ארערג, גאלניק

זיראַרדאוו.

נאך א שווערען קאמפף מיט א געוויסער ארטאדאקסישער גרופע, וואס האט זיך פעראייניגט דא מיט נישט געווינשטע עלעמענטען, איז דורכגעגאנגען די ליסטע פון דער „פאלקס-גרופע". די געוועהלטע 3 אידישע ראטסמענער זענען: פיאטרקאווסקי, שיפמאן און ראַרעמבום.

סקיערניעוויץ.

לויט א פערשטענדניש מיט די פאליאקען האט די אידען געהערט די ערשטע קוריע 6 ראטסמענער. צוליעב די רייבונגען אבער פון די אידען צווישען זיך, האבען זיך די שטימען צושפאלטען אזוי, אז בלויז 3 זענען געוועהלט געווארען און פאר די אנדערע דריי וועלען מוזען פארקומען נייע וואהלען.

לובארטאוו.

דער היגער שטאדטראט איז צונויפגעשטעלט געווארען לויט דער בעשטימונג פון דעם קרייז-קאמאנדא, אלס ראטסמענער זענען בעשטימט געווארען 20 קריסטען און 4 אידען.

פלאצק.

דא איז געשלאסען געווארען אן אבמאך צווישען די פעראייניגטע פוילישע וואהל-קאמיטעטען און דעם אידישען וואהל-קאמיטעט, לויט וועלכען אין היגען שטאדטראט וועלען זיך געפינען 18 קריסטען און 7 אידען, דערונטער 1 איד אינ'ם פרעזידיום פון שטאדט-ראט.

פולאווא.

דא זענען דורך דער עסטרייך-אונגארישער מאכט בעשטימט געווארען אלס ראטסמענער 18 קריסטען און 6 אידען.

קיעלץ.

אלס עהרען-לאווניקעס פון היגען מאגיסטראט זענען אויסגעוועהלט געווארען די אידען: אדאלף ווילנער און קאלאמאן פאראדיסטאל.

ראדאם.

אויף דער צווייטער זיצונג פון היגען שטאדטראט זענען צווישען די 6 אלס לאווניקעס אויסגעוועהלט געווארען די 2 אידישע ראטסמענער: יוזעף טעסערזאהן און דר. טאדעוש פילענבארן.

קאלנא.

אין היגען שטאדט-ראט זענען אויסגעוועהלט געווארען 4 אידען פון דער 1 און 3 קוריע, און 2 פאליאקען פון דער 2 קוריע. פיעלע האבען פערלאנגט, אז מען זאל אבטרעטען 1 מאנדאט די פאליאקען, און די אידען זאלען נור האבען 3, די יוגענד אבער האט דערצו נישט דערלאזט. אויף א וואהל פערזאמלונג איז בעשלאסען געווארען צו גרינדען א ראט, אהן וועלכען די ראטסמענער טארען נישט אבשטימען קיין שום וויכטיגע פראגע אין שטאדטראט אין „ראט" געהן אריין 9 פערזאן, דערונטער 2 ארבייטער-פארשטעהער.

אסטראווע.

ביי אונז איז עס געקומען צו א פערשטענדיגונג צווישען דעם אלגעמיינעם אידישען וואהל-קאמיטעט און דעם פאלקס-קאמיטעט, און אויף די 9 ראטסמענער אין היגען שטאדט-ראט זענען אויסגעוועהלט געווארען פאלגענדע אידען: ל. גאלדבערג, ג. לעווארטאוויטש, א. יאשינסקי, מ. דראזדאווסקי, מ. ליובאטנאוויטש, י. בערענהאלץ. לאווניקעס וועלען זיין 2 אידען און 2 קריסטען, ס'איז אויך געשאפען געווארען א שטענדיגער פאלקס-קאמיטעט אלס בייראט צו די ראטסמענער.

ווייטער זענען אויסגעוועהלט געווארען: אין לענטשיץ: 6 אידישע ראטסמענער און 5 פוילישע. אין דאבזשין: 4 אידען און 2 פאליאקען. אין סטאטשעזיק: 4 אידען און 2 פאליאקען.

פולטוסק.

ביי די וואהלען אין היגען שטאדט-ראט זענען פון 1 קוריע אריין אלס ראטסמענער פאלגענדע 6 אידען: ס. צעלניק, ש. בזאזאוויטש, ה. נאטקעוויטש, ש. ראזענבערג, ה. ענגעלמאן און מ. שפערלינג. און דער 2 און 3 קוריע זענען געוועהלט געווארען 12 פאליאקען.

אסטראוויע. ראדאמער גוב. —

צווישען די 32 ראטסמענער אין היגען שטאדט-ראט זענען בעשטימט געווארען פאלגענדע 5 אידען: דר. וואכאלדער, ב. קעסטענבערג, מ. מינצבערג, ד. ראזענמאן און ש. מילשטיין.

לאוויטש.

א דאנק דער ענערגישער ארבייט פון דער היגער אידישער יוגענד, זענען אין דער 1 קוריע אדורכגעגאנגען פאלגענדע 6 אידען: יצחק זעלעכאווסקי, י. ווארטצקי, ג. גראגיצא, וועקשטיין, י. ראזענקראנץ און יצחק דוד זילבערבערג.

דער רעזולטאט פון דער 2 און 3 קוריע איז לע"ע נאך אומבעקאנט.

שעדלעץ.

דער אידישער וואהל-קאמיטעט האט דא ארויסגעשטעלט זיינע קאנדידאטען-ליסטעס אין דער 2, 3, 4, 5 און 6 קוריע, אין דער צווייטער קוריע זענען אלס ראטסמענער אויסגעוועהלט געווארען אלע 4 אידישע קאנדידאטען, און צוואר: דוד דרבינשטיין, נחום וויינטרויב, ידידיה רייגמאן און משה דוד קילמאן. אין דער 3 קוריע פאלגענדע 2 אידען מרדכי מאיר לאגרוי און שמואל צוקער.

דער רעזולטאט פון די אנדערע קוריעס איז דערווייל אומבעקאנט.

זאווערצע.

צווישען דעם פוילישען צענטראלען וואהל-קאמיטעט און דעם אידישען וואהל קאמיטעט איז געשלאסען געווארען א ציימווייליגער אבמאך. לויט וועלכען אין קינפטיגען שטאדט-ראט דארפען אריינגעהען 13 קריסטען און 7 אידען. געגען דעם „אבמאך" טרעט שטארק ארויס דער „אלגעמיינער בירגערליכער וואהל-קאמיטעט".

טשענסטאכאוו.

אזוי ווי עס זענען דא ביז אום ערשטען בעשטימטען טערמין נישט אריינגעבראכט געווארען קיין שום קאנדידאטען-ליסטעס, איז בעשטימט געווארען א ווייטערער צווייטער טערמין.

בלויז פינף טאג צו פסח

אויב איהר ווילט זיין זיכער צו קריגען אין צייט כשר'ע סחורה מיט א הכשר פון הרב יפה, רבי גארדאן, א. ז. וו. מוזען מיר ערהאלטען אייער ארדער ניט שפעטער

ווי דעם 3-טען אפריל

כאטש מיר שיקען ארויס אלע סחורות דעם זעלבען טאג וואס דער ארדער ווערט ערהאלטען, איז אבער ניט זיכער צו נעהמען די ריזיקע מיט די דעליווערעס פון דער עקספרעס קאמפאניע, וועלכע זענען פארווארפען מיט ביזנעס, פאלגליך וועלען די עקספרעס קאמפאניעס ניט גאראנטירען די דעליווערי.

שיקט אונז אייער ארדער היינט און אזוי וועט איהר פארמיידען די מעגליכקייט אז מיר זאלען דערווייל האבען אויספערקויפט די סחורה. איבער דעם וועט איהר זיין זיכער צו קריגען די סחורה אויף פסח צום סדר. נעהמענדיג אין אנבעטראכט די קוואליטעט פון אונזער סחורה, די סייזעס פון אונזערע באטעלס, די גאראנטירטע אימפארטירטע ברענדס. דאן איז אונזער סחורה פיעל ביליגער ווי די סחורה וואס ווערט פערקויפט איבעראל.

איהר קענט קויפען אייערע מאני ארדערס פון יעדער סטים שיפאפיס, באנק, פאסט אפיס אדער עקספרעס אפיס אדער

ל. ראטענבערג און סאנס BANKERS

שיפסקארט אונד אינשורענס אגענטען 141 קווין סטריט וועסט

איהר דארפט ניט צאהלען פאר עקספרעס

מיר האבען נישט קיינע דיעלערס אונזער ווארע מוזען קומען דירעקט שיקט דורך א מאני ארדער אדער קעש גירעדזשיסט דעם לעטער

פארגעסט ניט אין אייער באשטעלונג אנצושרייבען דעפארטמענט זעבצינ דאס איז דער אידישער דעפארטמענט

The Italian Model Market Co.
37 CRAIG EAST MONTREAL P. Q.

קויפט פסח'דיגע משקאות פון אן עכט אידישע הויז

קויפט אייערע וויינען און שנאפסען אדער פערלאנגט פון אייער פעדלער ער זאל אייך ברענגען נור

נאטאנזאהן'ס משקאות לפסח

ווייל אונזערע וויינען און שנאפען זיינען כשר אפילו למהדרין — ווייל אונזערע אנגעשטעלטע זיינען נאר אידען — ווייל אונזערע משקאות לפסח ווערען פערקויפט תחת השגחה הרב צבי הכהן דמאנטרעאל מיט א משגיח תמידי, — ווייל יעדעס באטעל טראגט דעם חותב פון רב כהן אלס גאראנטי פון כשרות.

ש. ל. נאטאנזאן דער עלטסטער אידישער האלסייל ליקער דילער אין קענעדע

שרייבט פיר אונזער פרייז - ליסט



RABBI HIRSH COHEN
הרב צבי הירש הכהן
MONTREAL, CANADA

לעזט דעם הכשר מהרב צבי הכהן

S.L. NATHANSON & SONS
1072 St. Lawrence Blvd Montreal Que. Proprietors of Distillers Distributing Co.

פעדלערס: שרייבט פיר אונזער, פלאן ווי איהר קענט מאכען געלד מיט אונזערע משקאות

פאר ארענטליכע בעהאנדלונג קויפט אייערע מאני-ארדערס פון גוראפסקי'ס שיפס קאנטאר.

בעמישע וואס פארלעשען זיך אליין

וואס בעטייטען דיא דאזיגע ווערטער פאר אייך?

דאס מיינט א גרעסערע זיכערקייט אין אייער היים.

איהר האט אפשר בעמערקט די דאזיגע ווערטער אויף אונזערע נייע "סיילענט פארלאר" מעטשעס-באקסעס — די שפענדלאך האלין וועלבע נעפינען זיך אין דיזע באקסעס זיינען איינגעטונקען געווארען אין אזא וואסער וועלכעס מאכט עס פאר "טויט". קוים האט מען זיי איינמאהל אנגעצונדען און אויסגעלאשען קענען זיי שוין מעהר ניט ברענען, און דערפאר איז די סכנה אויף פייער פיעל רעדוצירט. זיכערקייט קומט צוערשט און צולעצט. געברויכט "עדיעס סיילענט"

ע. ב. עדיס קאמפ. לימיטעד. האלל. קענעדע.

THE E. B. EDDY
CO., LIMITED
HULL - CANADA.

ט. גרייזמאנס
ניו-יארק כשר ווארשט סטאר און דעליקאטעסען
האלסייל און ריטייל
קאנטרי ארדער דעליווערט. 70—72
טשעסנאט סט
פאן מיין 6203

[illegible]
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלערזש 852
רושענעראל קארטיידזש אויפזשענטס
368 סעדיינא ע"ו. טאראנטא, אנט.
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארנימשור גענומען און געשטארד.
שטוב זאכען געפאקט און געשיפט ביי עקספערטען.
ווערהייזערז 551 קווין סטריט וועסט
צונעריעסטע ווצגען. פלעזשור טריפס.
[illegible]

קאטס פאר פרינטערס
אויב איהר דארפט אילוסטראציעס ליבעלרייוינגס, אדער ענגרייווינגס פון אלע סארטען טעלעפאנירט צו
עדעלייד 783
ווילקאקס ענגרייווינג קא.
101 קינג סטריט וועסט
(אין די רער)

נאך 5 טעג פערבליבען צו פסח

איהר האט נאך אלס צייט אויפצופיקסען אייער הויז

מיט

ל. יאללאסעס
פארניטשור

די צייט איז קורץ דעריבער איילט אייך צו און נוצט אויס די געלעגענהייט צו קויפען פוירניטשור אויף גרויסע רעדוצירטע פרייזען. מיר האבען אנגעגרייט א גרויסען סטאק מיט פוירניטשור און עס איז יעצט נאך פערבליעבען פיעלע קלירינג ליינס פון וועלכע איהר ברויכט אויף פסח. קומט אלע צו יאלעסען קויפען פוירניטשור, דען יאלעסען דארפט איהר גאר ניט איינצאהלען און איהר קענט האבען די פוירניטשור צוגעשיקט דעם זעלבען טאג וואס איהר קויפט די פוירניטשור.

גרויסער קלירינג סייל אויף
שאפעס

מיט גרויסע שפיגלען געמאכט אין די בעסטע פינישען. קומט איבערצייגט אייך.

דרעסערס

אין מאהאגאני און וואלנייט. מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון פערשיעדענע ווייסע און אייוואָרי קאלירען. מיר פערקויפען דאס אזוי ביליג, דאס מיר שעהמען זיך ארויס צו שטעלען די פרייזען. קומט איבערצייגט אייך.

פארלאר סעטס

אין די בעסטע און שעהנסטע פעטערנס און די בעסטע קאווערינגס. נאר וואס אייער הארץ גלוסט. זעהר מעסיגע פרייזען. פערלירט ניט די געלעגענהייט צו קויפען איין גוטען פארלאר סעט אויף פסח.

איין גרויסער אויסוואהל פון אוילקלאט און לינאליום

צו זעהר גרויסע רעדוצירטע פרייזען אין פערשיעדענע פעטערנס. קומט וואס שנעלער, דען די צייט איז קורץ.

דיינינג רום סעטס

צו האלבע רעדוצירטע פרייזען. איהר דארפט ניט ווארטען אויף שפעטער, יעצט האט איהר די געלעגענהייט צו קויפען אויף אייערע אייגענער פרייז.

סומט קלייבט אייך אויס וואס איהר פערלאנגט און האט א פרעהליכען פסח

מר. יאלעס האט אנגעקויפט אויף פסח פיעל פויר ניטשור און עס איז אונז פערבליעבען איין גרויסער סטאק. מיר מוזען דאס פערקויפען און איהר דארפט די פוירניטשור קויפען. דאפיר קומט אלע, זארגט אייך נישט וואס איהר האט ניט קיין געלד. מיר שיקען אייך די פוירניטשור דעם זעלבען טאג וואס איהר קלייבט דאס אויס. און אלעס וואס מיר ווייזען אייך אדער אדווערטייזען שיקען מיר אייך. מיר ווייזען אייך ניט איין זאך און שיקען אייך אנדערע. יעדער איינער ווייסט דאס ל. יאלעס איז איין עהרליכער און וואהרהאפטער פוירניטשור דילער.

קעש אויב איהר האט

יאללעס ווינשט אלע זיינע קאסטאמער און נישט קאסטאמער א פרעהליכען פסח

קרעדיט אויב איהר פערלאנגט

עס מאכט ניט אויס אויב איהר קויפט די פויר ניטשור „קעש" אדער „קרעדיט", מיר בעהאנדלען אייך אלעס דאס זעלבע און מיר גיבען אייך שטענדיג גרויסע בארגינס. יאלעס איז דער איינציגער פלאץ אין טאראנטא צו קויפען פוירניטשור אן קרעדיט פיר קעש פרייזען.

צו צופריעדענצושטעלען אונזערע קאסטימערס, האלטען מיר אפען אונזער סטאר יעדען אווענד ביז 11 איהר אום דאמיט יעדער זאל קענען קומען קויפען די גרויסע מציאות. געדענקט וואו דאס איז:

YOLLES 379-81 Queen West
Tel. Ad. 1345

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.

The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario

PUBLISHED BY

— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —

251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

SUBSCRIPTION RATES: $5.00 PER YEAR

SINGLE COPY 2c.

Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario January 22nd, 1913

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL

צו מעשי האָל

צי אייער וויגעלע איז געשטאַנען אין פּוילען, ליטא און רוסלאַנד, אָדער אין גאַליציען, רומעניען און אַנדערע פּלעצער פונ'ם ערד־קוגעל — דאַרפט איהר היינט געהן אין „מעשי האָל", ווייל א פרייהייטס יום טוב פון אַלעמען, ווערט דאָרטען היינט אָווענד געפייערט.

א נייע רוסלאַנד מיינט, גענוס און פרייהייט ניט נאָר פאַר די רוסלענדישע פעלקער, נאָר אויך פרייהייט און לעבען פאַר יענע אַלע לענדער וואו דער אַרטיקעל פרייהייט פעהלט ביז היינטיגען טאָג.

א נייע רוסלאַנד האָט געבראַכט אידישע גלייכבערעכטיגונג, ליכטיגע הימלען פאַר מיליאָנען אידען, און רעכט פאַר דיעזע רוסישע אידען מיינט דאָך רעכט פאַר'ן גאַנצען אידישען פאָלק, בעטייט דאָך א נייע שעהנע עפּאָכע פאַר דער גאַנצער אידישער אומה.

א נייע רוסלאַנד, און גלייכבערעכטיגטע אידען, מיינט א יום טוב פאַר אַלעמען, א פרייהייטס יום טוב פון אַלע פעלקער און אַלע אידען, און אַזאַ פּאַסירונג דאַרף געפייערט ווערען פון אַלעמען, און בעזונדערס פון אַלע אידען, ווייל פרייהייט פאַר די רוסלענדישע אידען מיינט אויך פרייהייט פאַר די אידען פון די אַנדערע אונטערדריקטע לענדער.

ליעב און טייער איז אונז אונזער נייע היים, וואו מיר האָבען אונזערע נעסטען אויסגעבויט, נאָהענט און ליעב איז אונז אָבער אויך די אַלטע היים, מיט וועלכער מיר זענען מיט טויזענדער פעדים צוזאַמענגעבונדען און צונויפגעוועבט, און דאַרום דאַרף דער יום טוב נאָהענט זיין אַפילו דעם היגען געבוירענעם, וועלכער האָט אַפילו קיינמאָהל דעם „גלות־רוסלאַנד" ניט אָנגעקוקט.

רוסלאַנדס פרייהייט, האָט ליכט און זונען־שטראַהלען געבראַכט פאַר אַלעמען, און די ערשטע צו געניסען פון דעם זענען געוועזען די אידען, וועלכע זענען שוין געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון אונטערגאַנג, און פאַר וועמען די רוסישע איבערקעהרעניש איז געקומען אַלס א רעטונג אין צייט, עס האָט פּאַסירט דאָס וויכטיגסטע אין דער אידישער געשיכטע זייט דעם צוריקקעהר פון עזרא און נחמיה, און מיר האָבען אַלע גרונדען מיט וואָס צו פרעהען זיך מיט דער נייער פרייהייט. קיינער דאַרף דאַרום ניט אָוועקשטעהן פון דעם היינטיגען פאָלקס יום טוב.

זאָלען די ווענד פון מעשי האָל פערהילכט ווערען פון די יובעל־געשרייען, ווען א פאָלק פייערט זיין אידישע און אַלמענשליכע בעפרייאונג.

צי וואָס פאַר א פּאַרטיי איהר זאָלט ניט געהערען, צו וואָס פאַר א ריכטונג איהר זאָלט ניט זיין צוגעשריעבען אַלע טעג פונ'ם יאָהר, איז עס היינט אָווענד ניט וויכטיג, ווייל היינט אָווענד פרעהט זיך א פאָלק מיט דער וויכטיגסטער פּאַסירונג אין זיין לעבען, און אַלעמען דאַרף היינט אָווענד דיעזע פרייד צוזאַמענבונדען אין איין גאַנצעס.

צו מעשי האָל — דאָס דאַרף זיך היינט צוטראָגען איבער'ן גאַנצען אידישען קוואַרטאַל, ווייל קיינער האָט קיין רעכט ניט אין הויז צו בלייבען ווען א פאָלק פייערט די בעפרייאונג פון זיך און פון דער מענשהייט.

היינט אָווענד מוזען זיך אַלע בעגעגנען אין מעשי האָל צום גרויסען אידישען און אַלוועלטליכען יום טוב, דער יום טוב פון דער נייער רוסלאַנדס געבורטה.

די נייע רוסלאַנד איז ניט געקומען אָהן שום מענשליכע מיה. גענוג מענשען־קרבנות האָבען צוערשט געמוזט געבראַכט ווערען, אום דעם וועג פאַר דער נייער רוסלאַנד אויסצופלאַסטערען, איבער וועלכען זי זאָל קענען אָנקומען, און אין קרבנות האָבען מיר אידען ניט קיין קליינעם טהייל, דאָס אידישע פאָלק האָט אין זיין חוב, די האָפנונגען צוזאַמענגעבונדען מיט דער רוסישער בעפרייאונג, און טריי האָבען מיר צו דער בעפרייאונגס־בעוועגונג אונזער חוב דערפילט. אונזער יעצטיגע שמחה איז דאַרום ניט קיין פרעמדע, מיר זענען ניט קיין געלאַדענע געסט, נאָר אייגענע, און מיר מעגען זיך פרעהען ווי אייגענע אויף אן אייגענער שמחה.

ביי פיעלע אַנדערע געלעגענהייטען האָבען מיר געצייגט, אַז מיר קענען טהויערען, זאָלען מיר היינט צייגען, אַז מיר קענען זיך אויך פרעהען, און טהאָן דאַרפען מיר עס ביים היינטיגען גרויסען פאָלקס יום טוב, און אָווענד אין מעשי האָל.

בראַוואָ אָנטאַריאָ־בראַוואָ דיואַרד

לאַנג, לאַנג, האָט דער אָנטאַריער פּאַרלאַמענט, די גאָטהישע געבוידע פון קווינס פּאַרק ניט געהערט אַזעלכע שטאָלצע ווערטער, ווי פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ה. ה. דיואַרטס רעזאָלוציע צו בעגריסען די נייע רוסלאַנד פון וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

די רעזאָלוציע, וועמענס אינהאַלט איז שוין בעקאַנט צו אונזערע לעזער, איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון ה. ה. דיואַרט, אונטערשטיצט פון דעם קאָנסערוואַטיווען מיטגליעד גידערהעם, בעגלייט פון רעדעס פון פּרעמיער הוירסט און נ. ראַוועל, און איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

ה. ה. דיואַרט, וועלכער פערטרעט אין דער פּראָווינציעלער לעגיסלאַטור א אידישען דיסטריקט, האָט ניט נאָר די רעזאָלוציע פאָרגעשלאָגען, נאָר אויך געהאַלטען א שעה'דיגע רעדע אין וועלכער ער האָט זיך אָבגעשטעלט וועגען דער אידישער לאַגע ניט נאָר פון רוסלאַנד, נאָר אויך אויף דער אידישער לאַגע אין קאַנאַדע, אויסדריקענדיג זיין האָפנונג, אַז די היגע אידען וועלען בעקומען יענע אָנערקענונג, וועלכע זיי פערדיענען.

די רעדע איז געוועזען א שטאָלצע און האָט אַרויסגערופען אַפּלאָדיסמענטען פון אַלעמען, און אַלס רעזולטאַט איז די רעזאָלוציע איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

בראַוואָ אָנטאַריאָ!

אָנטאַריאָ איז תמיד די ערשטע אין אַלע הינזיכטען, און זי איז אויך געוועזען די ערשטע פון גאַנץ קאַנאַדע בעגריסען די נייע רוסלאַנד און די אידישע פרייהייט.

בראַוואָ דיואַרט!

ווען די וואַהלען זענען פאָרגעקומען אין סאַוטה־וועסט טאָראָנטאָ, איז דיואַרט געוועזען דער יעניגער, וועלכער האָט פערשפּראָכען צו זיין א קעמפער פאַר אידישע רעכט, און ער האָט זיין פערשפּראָכען טריי ערפילט. די אידען וועלכע האָבען איהם געהאָלפען ערוועהלען, האָבען זיך אין איהם ניט גענאַרט, ער האָט זיין פערשפּרעכען הייליג ערפילט.

בראַוואָ דיואַרט!

פאַרקעהרטע יצירות



(פון דעם „אמעריקען דזשואיש קראָניקל")

ניקאָלאַי קלייבט זיך אַרויס פון פּעטראָגראַד, און דער איד קלייבט זיך אַריין

רעוואָלוציאָנערע כחות

פון דר. ש. מלמד

(ספּעציעל געשריעבען פאַר'ן „אידישען זשורנאַל")

די רוסישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיך אָבגעשפּיעלט מיט קאַלאַדאָסקאָפּישער געשווינדקייט, האָט איבערראַשט די גאַנצע וועלט, ווייל זי איז געקומען אונערוואַרטעט. פון היסטאָרישער ערפאַהרונג ווייסט מען אַז א רעוואָלוציאָן אין א גרויסען לאַנד ווערט ניט געמאַכט פון היינט אויף מאָרגען און אַז איהרע פאָרבערייטונגען נעהמען אַוועק די כחות פון גאַנצע דורות. פון דער רוסישער רעוואָלוציע קען מען דאָס ניט זאָגען. אַלעס וואָס מען רופט אָן רוסישע רעוואָלוציאָנערע כחות בעשטעהט פון א גרופּע פון אינטעליגענטען און האַלב אינטעליגענטען. ווען מען נעהמט אין אָנבעטראַכט די צאָהל פון די איינוואוינער פון דער רוסישער אימפּעריע, מוז מען זאָגען אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערען און די וואָס סימפּאַטיזירען מיט זיי זענען נאָך ניט קיין דריי פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג. די גרויסע רוסישע בויערמאַסע איז ניט נאָר ניט דורכגעדרונגען געוואָרען פון דעם רעוואָלוציאָן גייסט, נאָר זי איז צו דער רעוואָלוציאָנערען בעוועגונג אינדיפערענט און האָט צו איהר גאָר קיין שטעלונג ניט. די מיליאָנען רוסישע בעאַמטע זיינען געוויס ניט רעוואָלוציאָנער און נאָך ווענינער איז עס די פּראַוואָסלאַוונע קירכע. דאָס גלייכען קען מען אויך זאָגען פון די מיליאָנען רוסישע סאָלדאַטען. ווען די רוסישע אַרמעע וואָלט געהאַט רעוואָלוציאָנערע נייגונגען, וואָלט די מלחמה שוין לאַנג געווען געענדיגט עס קען זיין אַז די רוסישע אַרמעע זאָל אָנגענומען מיט רוהע דעם וועקסעל פון דעם רוסישען רעזשים, ווייל עס איז איהר גאַנץ גלייכגילטיג ווער עס רעגירט אין פּעטראָגראַד, דאָס הייסט, ווייל זי האָט נאָך ניט קיין פערשטענדעניס פאַר דאָס גאַנצע פּראָבלעם, אַלזאָ פון דער רוהע וועלכע הערשט איצט אין דער רוסישער אַרמעע איז ניט צו דרינגען אַז די סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָן אָדער אַז זי איז אַליין רעוואָלוציאָנער געשטימט. די ווירקליכע רעוואָלוציאָנערע כחות אין רוסלאַנד שטעלען זיך צוזאַמען פון א גאַנץ בעשטימטען קלאַס פון די איינוואוינער פון די גרויסע שטעדט און פון א טייל פון דער אַקאַדעמישער יוגענד פון הונדערט און אַכציג מיליאָן איינוואוינער אין רוסלאַנד זיינען ניט מעהר ווי זעקס ביז זיעבען מיליאָן רעוואָלוציאָנער געשטימט און דאָך איז די רעוואָלוציאָן געקומען און האָט געמאַכט אין דריי טעג אַזאַ איבערקעהרעניש, ווי די ענגלענדער אין 1648 און די פראַנצויזען אין 1783. ביי די פראַנצויזען און די ענגלענדער האָט עס געדויערט יאָהרען לאַנג ביז זיי האָבען דערצו דערגרייכט, צו וואָס די רוסען האָבען דערגרייכט אין דריי טעג. ווער עס גלויבט ניט אין היסטאָרישע נסים מוז געפינען אַן ערקלעהרונג פאַר דיעזער רעטזעלהאַפטער ערשיינונג. איז א געלונגענע רעוואָלוציאָן א צופאַל אָדער איז זי דער פּראָדוקט פון געוויסע היסטאָרישע קרעפטען, וועלכע פיהרען נויטווענדיג צו א רעוואָלוציאָנערער קאַטאַסטראָפע.

ווען מען הויבט אָן בלעטערען די וועלטגעשיכטע פון די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר געפינט מען באַלד אויס אַז יעדע געלונגענע רעוואָלוציע איז געווען געריכטעט געגען א שוואַכען און דעגענערירטען הערשער.

קאַרל סטואַרט איז געווען א שוואַכלינג, אונענטשלאָסען, וואַנקעלמוטיג, לודוויג דער זעכצעהנטער איז געווען א שוואַכלינג און קינדיש דום. אַבדול האַמיד איז געווען א דעגענערירטער, אונענטשלאָסענער און דאָך האַרטנעקיגער פייגלינג. זיין פייגהייט האָט זיך אויפגעדריקט אין צוויי זאַכען אין מורא און אין גרויזאַמקייט. מאַנועל פון פּאָרטוגאַל איז בעקאַנט אַלס שוואַכלינג און פייגלינג, אַלעקסאַנדער פון סערביען האָט געהאַט אַלע כאַראַקטעריסטיקען פון א דעגענערירטער פּערזענליכקייט. די מאַנטשוס זיינען געווען בעקאַנט פאַר א דעגענערירטע דינאַסטיע און פון די ראָמאַנאָווס ווייסט מען אַז זייערע מיטגליעדער פערקערפּערען אַלע גוטע מעלות פון א פיזיש און מאָראַליש דעגענערירטער דינאַסטיע.

איז דאָס א צופאַל אַז א רעוואָלוציע ברעכט אויס, ווען אויף דעם טראָן זיצט א שוואַכלינג און איז עס א צופאַל וואָס א רעוואָלוציע געלינגט שטענדיג ווען דער הערשער איז א דעגענערירטע פּערזענליכקייט? איך האַלט ביידע ערשיינונגען ניט פאַר קיין צופעלע, נור פאַר היסטאָרישע נויטווענדיגקייטען. איך וויל נאָך געהן ווייטער און זאָגען אַז די רעוואָלוציאָנערע כחות אין דער געשיכטע האָבען איהרען אורשפּרונג ניט אַזוי פיעל אין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע נור אין ראַסענביאָלאָגישע פאַקטאָרען. עס איז אַן אַלטער ראַסענביאָלאָגישער געזעץ, אַז מענשען וועלכע הייראַטהען אַלס אין דעמזעלבען קליינעם און ענגען קרייז מוזען נאָך א געוויסע צאָהל פון דורות אַרויסברענגען דעגענערירטע אינדיווידואַלען. יעדע דינאַסטיע מוז נאָך א געוויסע צאָהל פון דורות ברענגען מענשען אויף דער וועלט, וועלכע זיינען פיזיש און מאָראַליש מינדערווערטיג. אַזוי ווי די קעניגליכע דינאַסטיען אין דער גאַנצער וועלט זיינען זיך אַליין משדך אין אַן ענגען קרייז, געפינט מען גראַד ביי זיי מעהר דעגענערירטע מענשען, ווי אין אַנדערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. אין א משך פון זיעבען ביז צעהן דורות קומט די דינאַסטיע צו א פּונקט פון אַבסאָלוטער דעגענעראַציאָן. לודוויג דער זעכצעהנטער, קאַרל סטואַרט מאַנועל בראַגאַנצאַ, די מאַנטשוס און כינא זיינען אַלע געווען „דעגענעראַדאָס" פיזישע און מאָראַלישע שוואַכלינגס. אָבער גראַד דער הערשער מוז זיין א שטאַרקע פּערזענליכקייט. הערשען איז א פראַגע פון ווילען מאַכט און קראַפט. ווען דער הערשער אָבער האָט ניט דיעזע מעלות קען ער די שטאַאַטסשיף ניט מעהר רודערן, ער פערליערט דאָס גלייכגעוויכט און פאַלט אום... דאָס איז רעוואָלוציאָן. און דער בעסטער בעוויז אַז די רעוואָלוציע הענגט מעהר אָב פון ראַסענביאָלאָגישע פאַקטאָרען, ווי פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קען מען זעהען דערפון, וואָס א רעוואָלוציאָן איז נאָך קיין מאָל ניט געלונגען, ווען דער הערשער איז געווען א נאָרמאַלע פּערזענליכקייט. אַלע געלונגענע רעוואָלוציאָנען זיינען שטענדיג געווען "שטאַאַטסשטרייכען" געגען פיזיש, מאָראַליש און אינטעלעקטועל שוואַכע הערשער. ווען די מאַסען ווייסען, אַז דער הערשער איז א שטאַרקע אָדער אַפילו נור א נאָרמאַלע פּערזענליכקייט וועלען זיי גאָר קיין רעוואָלוציאָן ניט מאַכען, ווייל זיי האָבען דערצו קיין מוט ניט. דער נאָרמאַלער הערשער האָט אַזוי פיעל מאָראַלישען און פּאָליטישען אַנשטאַנד קיין מאָל ניט צו האַנדלען אַזוי אַז ער זאָל פיהרען צו א רעוואָלוציאָן.

ווען מען האָט ניקאָלאַי דעם צווייטען מיטגעטיילט, אַז א רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען אין פּעטראָגראַד און מאָסקווא און אַז ער האָט זיין טהראָן פערלוירען, האָט ער גערעדט פון בוימער און זיין ליוואַדיער גאָרטען, וועלכע ער ליעבט, ווייל ער איז א קאָמפּלעטער אינטעלעקטועלער אידיאָט און פערשטעהט ניט די גאַנצע היסטאָרישע בעדייטונג פון דעם אויגענבליק. ווען דאָס פראַנצויזישע פּאַרלאַמענט האָט פערהאַנדעלט וועגען דער פערראַטהענער און געפעהרליכער פּאָליטיק פון לודוויג דעם זעכצעהנטען און גערעדט וועגען רעוואָלוציאָנערע מאַסרעגעלן האָט לודוויג דער זעכצעהנטער ניט געהאַט וואָס צו טהאָן, ווי אָוועקצושטעלען מייערע, און שמידען אין פּאַרלאַמענט וועלכע זאָלען האַקען, פייליקען און ברעכען און מאַכען א טומל כדי צו שטערען די פערהאַנדלונגען פון פּאַרלאַמענט, ווייל לודוויג דער זעכצעהנטער איז געווען א קאָמפּלעטער אידיאָט. דאָסזעלבע איז אמת פון קאַרל סטואַרט, וועלכער האָט ביי מעהרערע געלעגענהייטען אַרויסגעוויזען צאָרען פון פיזישער און מאָראַלישער דעגענעראַציאָן. קאַרל סטואַרט, לודוויג דער זעכצעהנטער און ניקאָלאַי דער צווייטער שטאַמען פון אַלטע, דעגענערירטע דינאַסטיען. ביי דיעזע דריי הערשער האָט די דעגענעראַציאָן פון זייערע דינאַסטיען דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט. און אַזוי ווי אין דער נאַטור שטאַרבט א פלאַנצע אָב, וועלכע איז דורכגעפוילט אַזוי ענדיגט זיך אין דער געשיכטע די ווירקונג פון א הים טאַהישע קראַפט וועלכע איז דעגענערירט. איך גיב צו אַז פּאָליטישע און עקאָנאָמישע און אַפילו ריין מאָראַלישע כחות שפּיעלען א גרויסע ראָלע אין יעדער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אָבער די ווירקליכע רעוואָלוציאָנערע קראַפט איז ניט אַן אַקטיווע נור א פּאַסיווע. דער ראַסענביאָלאָגישער מאָמענט, א שטאַרקע, ערפאָלגרייכע רעוואָלוציע איז נאָר מעגליך אונטער א שוואַכען, דעגענערירטען הערשער, די דעגענערירטע דינאַסטיע רופט אַרויס די רעוואָלוציאָן און מאַכט זי איבערהויפּט מעגליך.

פון דער רעדאַקציע — ניט מיט אַלע אויספיהרונגען פון הער מלמד שטימט איין די רעדאַקציע.

דעם 17־טען אָקטאָבער 1905 אויף ניעווסקי פּראָספּעקט

(א ליכטיג בלעטעל פון מיין טאָגעבוך)

פון דר. בן ציון שפּייער

ווען דער בעריהמטער רוסישער שריפטשטעלער, ניקאָלאַי גאָגאָל, וועלכער האָט אין אַן אונשטערבליכער פּראָזאַישער מאַיעסטעטישען און מיושב'דיג רוהיגען באַלאַדע בעזונגען דעם שעהנעם, דעם ניעווסקי פּראָספּעקט, וואָלט דורך א וועלכען עס איז צויבער געקענט א לעבעדיגער געבראַכט ווערען צום צענטער פון ניעווסקי פּראָספּעקט דעם 17־טען אָקטאָבער 1905, וואָלט ער געהאַט שטונדען לאַנג זיינע אויגען צו רייבען, און וואָלט ערשט זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, אַז אַזוי זעהט אויס "זיין" ניעווסקי

גאָגאָל האָט בעזונגען דעם בעריהמטען פּראָספּעקט אין זיין מאַיעסטעטיש־ביוראָקראַטישען גלאַנץ ער האָט איהם טאַקי געזעהען שטאָלץ און הערליך, רוהיג און פול מיט חן, אָבער דער דער חן איז געווען פון א געזונטער, זאַטער, אונבעוועגליכער שעהנהייט, וועלכער עס פעהלט דער רייץ פון קלוגהייט און דיא שעהנע און פערפיהרערישע בוויגזאַמקייט אין די געטאַקטע גליעדער מיר האָבען דעם שעהנעם פּראָספּעקט אין יענער נאַכט פון דעם 17־אָקטאָבער אין א גאַנץ אַנדער געשטאַלט געזעהען

מיר האָבען איהם געזעהען ברויזיג, פול מיט לעבען די אַלטע שטיינער פון זיינע טראָטואַרען זיינען יונג געוואָרען און שירה געזונגען ער איז געווען פול מיט פּלאַסטישע בעוועגונג אין זיין אונאָרדנונג האָט זיך געזעהען א וואונדערליכע סימעטריע. דאָס איז געווען א מין באַלעט פונ'ם פאָלק, וועלכער האָט זיך יובעלנדיג אָבגעשפּיעלט אויף דער שעהנסטער גאַס פון דער רוסישער הויפּט שטאָדט. פאַר גאָגאָל'ן האָט דער ניעווסקי פון זיין צייט געהאַט דעם רייץ פון א מאַרקיזע דע פּאָמפּאַדור, פאַר אונז איז עס פערוואַנדעלט געוואָרען אין א צויבערהאַפטער דעמאָנישער שעהנהייט פון דער פאָלקס ערלעזערין שאַרלאָטאַ קאָרדע.

דער שפּיגעל פון ניעווסקי פּראָספּעקט, ציהט זיך פון דער אַדמיראַלטייסטוואָ ביז'ן זנאַמענסקאַיאַ פּלאָשטשאַד, אויף וועלכען עס שטעהט איצט דער אומגעקומפערטער דענקמאָל פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען, געגענאיבער דעם ניקאָלאַיעווער, אָדער מאָסקווער וואָקזאַל, און ווער עס האָט יענעם שטח ניט דורכגעמאַרשירט די נאַכט פון דעם 17־אָקטאָבער 1905, דעם פעהלט א יובעלענדע בלאַט אין זיין לעבענס געשיכטע

פאַרבען! פאַרבען! וואו נעהמט מען אַזוי פיעל רייכע און בינטע פאַרבען צו מאָהלען אַן עהנליכען בילד צו דער פּאַנאָראַמאַ, וועלכע ניעווסקי פּראָספּעקט האָט אין יענער נאַכט פאַרגעשטעלט?!

יענע נאַכט איז געווען די גליקליכסטע ביי אַלע פּעטערבורגער איינוואוינער און צווישען זיי האָט זיך מיט א שטאָפּעל גליקליכער געפיהלט אונזער גרופּע, אַן ענגער קרייז יונגע און ענטהוזיאַסטישע קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען, וועלכע זיינען געווען מיט ליטעראַרישע פעדים פערבונדען מיט דער צייטונג "ריעטש", פון וועלכער פעטרונקעוויץ, העסען און מיליוקאָוו זיינען געווען די גייסטיגע פיהרער, און דער גוטער און אונפערגעסליכער יוליאַן באַק איז געווען דער ליכטיגער מלאך און בעשיצער

ווער עס איז געווען א לענגערע צייט אין פּעטראָגראַד ליעבט ניעוווקי פּראָספּעקט מיט אַן אונבעגרייפליך וואַרעמער ליעבע, טראָץ אַלע חסרונות, וועלכע וואַרפען זיך אין די אויגען. מיט אַזאַ אונבעגרייפליך זעהנזיכטיגע ליעבע ליעבט דער פּאַריזער די בולאַוואַרען פון דער וועלט שטאָדט. ליעבט דער בערלינער די פרידריכשטראַסע און דעם טהיערגאַרטען. דער קיעווער — דעם קרעשטשאַטיק, און דער ריכטיגער ניו יאָרקער — די בראָדוויי און די פינפטע עוועניו.

* * *

פאַר מיר איז דער אַנגענעהמסטער טהייל פון ניעווסקי געווען די שטרעקע פון דער מאַרסקאַיאַ ביז ליטייני פּראָספּעקט, און דורך יענעם טהייל וויל איך מיט אייך מאַכען א שפּאַציער, און אייך אַביסעל בעקאַנט מאַכען מיט דער היסטאָרישער גאַס.

ברייט עפענט דער פּראָספּעקט אין יענעם טהייל זיינע אָרעמס, און פינקעלט מיט טויזענד חן'ען. ער קאָקעטירט מיט אייך, און רייצט אייך, און ערוועקט אין אייך אַן אַמביציע צו גלאַנץ און פּראַכט!

אָט לאָזט איהר זיך געהען מיט דעם רעכטען טראָטואַר פון מאַרסקאַיאַ ביז סאַדאָוואַיאַ. איהר געהט אָב א קליינע שטרעקע, און צו אייער רעכטער האַנד ענטפּלעקט זיך דער האַלב־רונד פון קאַזאַנסקי סאָבאָר. דיעזער סאָבאָר, אין געגענזאַץ צום איסאַקאָווסקי סאָבאָר, איז א העל־פאַרביגע קאָנסטרוקציאָן, געבויט נאָך'ן סטיל פון סט. פּעטער און פּאַול קירכע פון רוים, און איז א סימבאָל פון פאָלק, ניט פון צאַריזם. א האַלב־רונד פון פּראַכטפאָלע קאָלאָנען און זיילען וועלכע עפענען זיך צום ניעווסקי פּראָספּעקט זעהען אויס אַזוי איינפאַך און גוטמוטהיג דעמאָקראַטיש, אַז מען הויבט אָן צו בעגרייפען וואָרום דאָס פאָלק האָט אין הארצען אַזאַ ליעבע צו דיעזען סאָבאָר, און וואָרום זייט דיעזער סאָבאָר עקזיסטירט איז ניט געווען ניט איין פאָלקסדעמאָנסטראַציע, סיי פון סטודענטען, און סיי פון אַרבייטער, וואָס זאָל ניט קומען מיט דעם ערשטען שטורם צו בעשיצען זיך אונטער די קאָלאָנען און זיילען פון דיעזען סאָבאָר, וועלכער איז נור מיט איינינע בלומען בייטען אָבגעטהיילט פון ניעווסקי פּראָספּעקט. אַביסעל ווייטער איז דער גאָסטיני דוואָר, דער פּעטערבורגער האַנדעלס אין מאָדע לאָוור, און איהם געגענאיבער איז די קאַפע דע פּאַריז, וואו יעדער מוז אָבשטאַטען א וויזיט, אויך דאָרט עטוואָס צו געניסען אָדער גלאַט פון געוואוינהייט. דיעזער טהייל פון ניעווסקי פּראָספּעקט איז דער שפּיגעל, דאָס האַרץ, און דער צענטער פון ניעווסקי.

* * *

איינינע נעכט פאַר'ן 17־טען אָקטאָבער, איז ניעווסקי פּראָספּעקט געווען ווי א קראַנקער, וועלכער ליעגט אין היגהער פּלעט: ער האָט ניט געוואוסט אויב ער וועט נאָך ווען זעהען ליכטיגע נעכט, ווי אין די אַלטע גוטע צייטען, אויב ער וועט נאָך הערען יונגע פּאָרליעבלוסטיג שפּאַצירענדיג איבער זיינע העלבעלויכטע טראָטואַרען און שפּעטע אָבענדס־שטונדען, וועלכע די פּעטערבורגער יוגענד פערוואַנדעלט אין טאָג.

די עלעקטרישע גאַסען לאָמפּען זיינען די גרעסטע טהייל געווען צובראָכען פון די דעמאָנסטראַציעס פון די פאַריגע וואָכען. די צוויי עלעקטרישע קאָמפּאַניעס וועלכע האָבען געגעבען דער שטאָדט בעלייכטונג, האָבען געאַרבייט ווי אין א קדחת, — איינינע שטונדען א נאַכט בעלייכט די שטאָדט און נאָכהער אויף שטונדען לאַנג געלאָזען א האַלבע שטאָדט אין דער פינסטער. ענדליך איז דיא מיליטערישע אַדמיניסטראַציע פון דער הויפּט שטאָדט געפאַלען אויף איין איינפאַל ווי צו בעלייכטען וועניגסטענס דעם ניעווסקי פּראָספּעקט. אַזוי ווי ניעווסקי פאַנגט זיך אָן מיט די הויכע געביידען פון דער אַדמיראַלטייסטוואָ, האָט מען אויף איינעם פון די טהורעמס אַרויפגעבראַכט א מעכטיגען פּראָזשעקטאָר פון א קריעגס שיף און מען האָט איהם אַריינגעשטעלט אין א פענסטער, וואָס געהט אַרויס צו ניעווסקי און מען האָט מיט איהם בעלויכטען די גאַנצע גאַס, פון מאַרסקאַיאַ ביז ליטייני.

א מערקווירדיג ליכט האָט דער פּראָזשעקטאָר אַרויסגעוואָרפען אויף ניעווסקי פּראָספּעקט. עס האָט זיך אונטער דיעזער זאָנדערבאַרער בעלייכטונג געפיהלט, אַי פרעהליך, אַי אומעטיג, אַזוי ווי די ליכטיגקייט וואָלט געקומען פון ניט א מענשליכער קראַפט, נאָר פון אַנדערע וועלטען, וועלכע איהר ווייסט ניט אויב זיי זיינען גוטע אָדער שלעכטע וואַנדערליג זיך מיטן געזיכט, אַז דאָרט וואו די ליכט פאַנגט אָן זיך, קענט איהר דעם פייערדיגען זייל מיט די הענד אָנטאַפּען. צוקומענדיג אָבער נעהענטער צום פּראָזשעקטאָר, האָט איהר זיך פלוצלונג געפונען אין דער פינסטער, און איהר האָט געזעהען ווי דאָס ליכט הויבט זיך איבער אייער קאָפּ, אָבער איהר אַליין שטעהט אין דער פינסטער.

* * *

דעם פאַרנאַכט פון 17 אָקטאָבער, האָט מען אין די קאַפע הייזער פון דער הויפּט שטאָדט שטאַרק גערעדט אַז היינט אָדער מאָרגען וועט די רעגירונג ענדליך געצוואונגען זיין צוגעבען די לאַנג ערוואַרטעטע קאָנסטיטוציאָן, און צופעליג איז דער שרייבער פון דיעזע צייל'ען, אַרום ניין—צעהן א זייגער פון דיעזער היסטאָרישער נאַכט, געזעסען מיט איינינע פריינד אין קאַפע דע פּאַריז און דיסקוטירט די פערגאַנגענע געשעהנישען, און דעם כאַראַקטער פון די ערוואַרטעטע ישועות.

מיט א מאָל האָט זיך פון דער זייט

(פאָרטזעצונג אויף פיידזש 5)

שטיקלאך און ברעקלאך

פון א. ריינוויין

דאס אלטע רוים, אדער גריכענלאנד ווערען געוועהנליך דערמאהנט אלס די לענדער, וואו די בעפעלקערונג איז בעשטא־ נען פון צוויי טהיילען, פון צוויי קלאסען, פון פרייע מענשען און שקלאפען, פון הע־ רען, וועלכע האבען געקענט בעפעהלען, און פון אונטער געווארפענע, וועמענס אויפגאבע איז נאר געוועזען דעם אנדע־ רענס ווילען צו ערפילען. דאך איז אבער דארטען אויך געוועזען נאך אן אנדער גרו־ פע — דאס זענען געוועזען די בעפרייטע, די יעניגע שקלאפען און זייערע קינדער, וועלכע זענען דורך די חסדים פון זייע־ רע בעלי בתים בעפרייט געווארען און זע־ נען צום בירגער ־ שטאנד צוגערעכענט געווארען, און די לעצטע אבוואהל פריי, איז זיי דאך ביי יעדער געלעגענהייט דער מאהנט געווארען אז זיי שטאמען ניט אב פונ'ם יחוס, פון דעם רוימישען אדער גרי־ כישען אדעל, נאר זענען געוועזענע שקלא־ פען, הארציים, א זוהן פון א בעפרייטען שקלאף, אבוואהל איינער פון די גרויסע ריכטער אין זיין צייט, פיהלט זיך אפט מאהל גאנץ בעשיידען, ווייל ער איז א זוהן פון א טאטען ניט קיין אדעליגען, נאר א שקלאף איז געוועזען זיין פאטער.

ווען די אידען אין רוסלאנד וואלטען בעקומען זייער גלייכבערעכטיגונג אלס א מתנה פון דער צארישער רעגירונג וואלט זיך תמיד געמוזט פיהלען דיעזער גייסט דיעזער נדבה גייסט, וואס איז שטענדיג פערהאן ביי א געשאנקענע זאך, און ביי יעדער פאסיגער אדער ניט־פאסיגער גע־ לעגענהייט, וואלט מען אונז וועגען דעם פארגעווארפען — אין אונזער בעטלער ־ טארבע דערמאהנט.

און די זון האט דאס מאהל איהרע שטראהלען פאר אונז ניט געקארגט

ניט אונזערע אמאליגע בעלי בתים־ אונטערדריקער, האבען אונז אונזער פריי־ הייט געשאנקען, וצוזאמען מיט דער ווידער געבורטה פון אלע הונדערט און אכציג מיליאן מענשען, זענען מיר ווי גלייכע קינ־ דער אויף דער וועלט געקומען, די מוטער וועלכע האט־דיי נייע רוסלאנד געבוירען, ווייסט ניט פון קינדער און שטיף ־ קינ־ דער, אלע זענען בלוט פון איהר בלוט און פלייש פון איהר פלייש, זי קען ניט קיין פליבעער און פאטריציער, און אויך ניט קיין בעפרייטע.

אלע זענען דיזעלבע יחסנים.

קיין פריעדענס־קאנגרעס, וואלט ניט געקענט טהאן אזוי פיעל, ווי פיעל עס האט פאר אונז געטהאן דער חודש מערץ 1917.

* * *

פרעגט מיך א נאהענטער פריינד — וואלסטו יעצט וועלען זיין אין רוסלאנד?

איך האב איהם געענטפערט.

א פערזאן, וועלכער הערט די גע־ בורטה וועהען פון זיין פרוי, וועמענס לייב פיהלט די שפיזלען ־ שטאכען פון זיין פרוים ־ וועהטאגען, ווייל ער ווייסט אז דא ליידעט א פערזאן, וועלכע איז מיט איהם אזוי ענג פערבונדען, ייייל וואס שנע־ לער זעהן זיין נייגעבוירען קינד.

ער וועט אפילו דעם פאקטארם פער־ באט איבערטרעטען.

* * *

פטור געווארען פון דער אידישער צרה, אוים מיט די קלאג־ליעדער — זאלען יעצט טרויערען די יעניגע אידישע פאר טייען און גרופען, וואס האבען זייערע אלע טהעאריען אויף דער אידישער נויט און צרה געבויט.

ניט איין פארטיי ־ פיהרער וועט יעצט בלייבען אהן א קרעמיל, און ניט איין טהעאריע וועט יעצט גהען אין ארכיוו אריין, אום דארטען, אונטער א דעקע פון שימעל און שטויב, צו ווארטען פאר'ן היסטאריקער.

* * *

עס איז געוועזען אין יענע טעג, ווען די רעאקציע האט טריאומפירט, און פיעלע יונגע לעבענס זענען אונטערגעשניטען גע־ ווארען.

שטיל האבען מיר דאן א טויטען חבר אויפ'ן שטאטישען בית עולם בעגלייט, מען האט ניט געטארט ריידען אדער עט־ וואס זאגען, ווייל דאס וואלט נייע קברים בעדייט.

דאך האבען מיר א בלומען קראנץ פון ווייסע ליליען און רויטע רויזען אויף זיין קבר געלעגט, און פון צווישען די פרישע בלומען האט זיך דער אויפשריפט „און זי וועט קומען" ארויסגעזעהן.

און זי איז געקומען, זי די לאנג ער־ ווארטעטע פרייהייט.

פיהלסטו עס חבר אין דיין קבר.

איז יעמאנד נאך אין אונ־ זער פוילישער ־ אידיש שטעטיל פון די אבא ליגע חברים פערבליבען, וועלכער זאל דיר יעצט א קראנץ מיט „זי איז געקומען" אויפ'ן קבר לעגען.

א געשפראך צווישען קייזער ווילהעלם און הינדענבורג

(פעליטאן)

פון ס. סטראנסקי.

— הינדענבורג!

— וואס צו, ווילהעלם?

— איך קען ניט אנטשלאפען ווערען

— עס איז פאראן א מאסע קארעקטור־ רען פון דער איבערזעץ נייעס אגענטור, לייען זיי.

— שוין געלייענט.

— פרוביר דעם אלטען בעטהמאן'ס לעצטע רעדע.

— שוין אויך געלייענט אבער עס העלפט ניט.

— פרוביר אבצעהלען ביז 5 הונדערט.

— א גאנצע נאכט האב איך געהאלטען אין איין צעהלען הינדענבורג. איך פיהל ווי דער קאפ ברענט מיר. איך האב שוין אבגעצעהלט ביז 4 מיליאן, 278,235 און דאס איז ערשט ביז דעם 23־טען פעברואר ניט אריינרעכענענדיג די פערלוסטען אין דער פלאטע און אין אין די קאלאניען הויבט שוין אפשר באלד אן טאגען?

— עס איז 1.43 און איך מוז אויפ־ שטעהן פונקט 5 א זייגער.

— וואס קען מען טהאן?

— וואס דו זאלסט ניט טהאן, וויל־ העלם, לאז זיך ניט אריין אין אזעלכע חשבונות. עס איז שלעכט פאר די נער־ ווען. א גוטע נאכט.

— הינדענבורג!

— אך גאט אין הימעל!

—איך האב געטראכט וועגען דעם ארעמען טייפעל. ניקאלאי.

— וואס פאר אן ארעמער טייפעל! דער אידיאט פון פעטראגראד האט עס כשר פערדיענט. ווען א מענש הויבט זיך אן אריינצולאזען מיט משוגענע מא־ נאכען און פאקוסניקעס און מתים ריידער איז א סימן אז ער האלט שוין ביים סוף אז די געטער ווילען איינעם צושטערען, נעהמען זיי ביי איהם צו דעם שכל, ווי דער אלטער בעטמאן וואלט געזאגט.

— וואס זשע, דו גלויבסט ניט אין אזעלכע זאכען? ווער דענקסטו בין איך עס? א גוטע נאכט.

— הינדענבורג!

— דאנערוועטער נאך איינמאהל!

וואס איז שוין ווידער, ווילהעלם?

— דאס וואס דו האסט ערשט געזאגט איז א מערקווירדיגע זאך. עס איז אמת ווען א מענש דערנעהענט זיך צום סוף פון שטריק, און ער האט עס ניט גע־ וואוסט. טרייבט איהם עטוואס זיך צו בע־ ראטהען מיט א זנאך ער אדער א מכשפה. געדענקסטו נאך עטוואס פון דער ביבעל, דו אלטער געצענדיענער? קעניג שאול און די מכשפה איידער ער האט זיך בע־ געגענט מיט'ן שונא ביי גלבוע? פיהלס־ טו ניט א צוג לופט פון ערגעץ?

— ניין.

— און אין פראנקרייך, לודוויג איי־ דער — דו ווייסט דאך?

— אלעקסאנדער דומא, א ברכה אויף זיין קאפ, אה, ווי ער האט דאס בעשריע־ בען! אייך זאך קענען מיר ניט, וויל־ העלם, דאס איז שרייבען אזעלכע ביבער.

— און וואטאן, איידער וואלהאלא איז צושמעטערט געווארען, איז ער גע־ גאנגען זיך בעראטהען מיט ערדאן אין איהר הייל.

— פון דעם זעהסט ווים איך גאר ניט.

— דאס איז דאך ביי וואגנערען אין "געטערמערדערונג". איך וואונדער זיך אויף דיר.

— א, ער! גיב מיר בעסער אלע מאהל "טרובאדור". אה דער געטלי־ כער אמבאם כאר. ווען איך הער דאס מוז איך וויינען.

—ער איז נאטירליך בעגאנגען א דומהייט, דאס פערשטעה איך, הינדענ־ בורג.

— ווער?

—איך טראכט נאך אליץ פון ניקא־ לאיען. און דאך קען איך ניט פער־ שטעהן ווי ער האט געפיהלט. עס זיינען פאראן צייטען ווען דאס הארץ ווערט אזוי טרויעריג, א פינסטערניש כאפט דיך ארום: און פיהלסט אז דו ביזט געפאנ־ גען, און דו ווילסט וויסען, אה גאט, ווי מען וויל וויסען! וואס פאר א דא־ טום איז היינט?

— דער 23־־טער.

— ניין הונדערט און זעקס און זעכציג טעג. און מאלטקע האט געדענקט אז דאס וועט זיך ענדיגען אין פיער וואכען צייט — און 4 מיליאן 287,235 ביז דעם 23־טען פעברואר ניט אריינרעכענענדיג פלאטע און קאלאניען. מען פרובירט דאס צו בעגרייפען, אדער זיך גארניט צו מא־ כען וויסענדיג, מען ווענדעט זיך אהין מען ווענדעט זיך אהער, איבעראל צו קריגען אן ענטפער, אזוי הינדענבורג, האט ניקאלאי געמוזט פיהלען.

— וואס קימערט עס אונז ווי אזוי יענע קייזערליכע פערזעהניש האט גע־ פיהלט? פאר אונז גוטע דייטשען איז פאראן בלויז איין וועג ווי אזוי פטור צו ווערען פון די בייזע גייסטער, און דאס איז דעם אלטען לוטהערס וועג. מען כאפט דעם טינטער און גלייך געשליידערט דעם שוויין אין פנים אריין.

— יא, אבער ווי אזוי וועט זיך דאס אלעס ענדיגען?

— ווים איך? מיר קענען אויס־ האלטען אזוי לאנג ווי זיי קענען

— זיי זאגען וואהרשיינליך דאס זעל־ בע.

— דאס בעווייזע אז זיי זיינען קלוג א חוץ דעם האסטו דאך דיין געטליכע פערבינדעטע. פארוואס ווענדסטו זיך ניט צו איהם?

—יא, אבער.

— דו האסט דאך ניט אויפגעהערט גלויבען ווילהעלם?

— ניין, אבער עס ווייזט אוים אז עו העלפט ניט ווי איך האב געגלויבט. עו נעהמט זיך צייט. נאך דריי און דרייסיג חדשים הויבט מען אן צווייפלען, צ איהם אינטערעסירט דאס איבערהויפט און עס איז שווער צו ווארטען אין דעו פינסטער.

— האסט מורא פאר איהם וויל העלם?

— מען קען ניט זאגען, ניט אזוי

— דו האסט מורא. דו קענסט או טערקויפען א זנאכער אדער אזוי א מכשו וועלכער זאל דיר זאגען וואס דו וואלסט ליעב געהאט צו הערען, אבער ניט דאס מיינסטו?

— ניין, אבער עס ווילט זיך איהם ניט נודיען אלע מאהל. ווייסט אנומלעטע האב איך געהערט ריידען וועגען אן אמ ריקאנער פרוי, וועלכע וואהנט אין שאר לאטענבורג. מען זאגט, זי טהוט אויו וואונדער מיט א קריסטאל גלאז.

— ווילהעלם!

— אה, איך האב דאס נור בלויז אזו געזעדט. הינדענבורג — שטעל דיר פאר, שטעל דיר פאר בלויז, ווען אי בערלין — אזוי ווי אין פעטראגראד.

—אונזערע גוטע דייטשען וועלע קיינמאל ניט רעבעלירען.

— אבער שטעל דיר פאר, גלאט אזוי זיך.

דאן וועל איך מארשירען אויף זיי מיט מיינע פרייסען.

— אבער ווען די ארמיי — אין וויים עס איז דום — אבער שטעל דיו פאר, ווען די ארמיי — אזוי ווי אין פעט ראגראד — וואס וואלסטו געטאהן?

דאן וואלט נאך געבליבען די שבועו צו מיין קייזער.

— און ווען עס זאל ניט זיין קיין קייזער?

— אה, די בריק וועלען מיר אריבער. ווען מיר וועלען צו איהר צוקומען וויל העלם.

— אבער ווען עס איז קיין קייזער ניט פאראן, הינדענבורג?

— עס וועט שטענדיג זיין א שטאאט א שטאט און עס וועלען זיין בעפעהלע און איך וועל פאלגען.

— אפילו ווען זיי זאלען קומען פון ליעבקנעכטען?

א בעפעהל איז א בעפעהל, ווילהעלם דו וואלסט דאך ניט געוואלט איך זאל האנדלען אנדערש?

—ניין.

—אויב אזוי איז ריכטיג. און איצט בעט איך דיר, פרוביר אנטשלאפען צו ווערען. עס וועלען ניט זיין קיין אויפ שטאנדען און עס וועלען ניט זיין קיין ליעבקנעכטס. עס איז שוין צוויי א זיי־ גער אין דער פריה און איך מוז שוין באלד אויפשטעהן.

—איך בין שוין קראנק פון דעם אלעם.

— ווילהעלם, רעד ניט אזוי! וואס וועלען דיינע פראפעסארען זאגען?

— זאלען זיי אלע געהן צום טייפעל! זיי זיינען פונקט אזוי שלעכט ווי ניקא־ לאיס זנאכער באנדע.

— נו, ווילהעלם, וועסטו שוין אמאל אנטשלאפען ווערען?

— יא, איך פיהל שוין אביסעל בע־ סער.

אוים דעם ענגלישען פון ל. ק—ן.

די רוסישע רעוואלוציע, אין דער אידישער טאראנטא

(סצענקעס אין בילדלאך)

פון ה. מ קירשענבוים

1.

ויהי, און עס איז געווען, ביים, אין דעם טאג, ווען די קאלטע אהן נשמה־ דיגע קיילעכדיגע שטומע דראטען, האבען דורך זייער שטומער שפראך צוטראגען אז נער אלע עקען וועלט, די פרעהליכע בשורה, אז אונזער ניקאלאי איז במחילה געבעטען געווארען ארונטער צו געהן פון זיין בענקעל, אויף וועלכען ער האט אזוי לאנג געשמיעסען זיינע ליעבע אונטערטהא־ נען. איז אויף מיר געפאלען דער גורל, צו פערלאזען מיין בענקעל, און געהן זעהן, ווי אזוי די רוסישע רעוואלוציאן, וועט אויפגענומען ווערען אין דער אידישער טא־ ראנטא.

כ'האב גענומען אבשיעד פון מיין בענקעל, וועלכעס איז געבליבען פער־ יתומט, און דערוויל געמאכט א פערגליך צווישען מיין בענקעל און זיין בענקעל, ווארט א לײדיגס — דא א לײדיגס, ער וועט געהן גלות אבריכטען, און איך דערב גלות בעשרייבען, א זיפץ האט זיך ארויס געריסען, ארים בענקעל נעבאך! ווי וועט ער יעצט אויסזעהן.

א בעפעהל פון רעדאקטארס בענקעל האט מיין פערגלייך איבערגעריסען פון ווייטערע בעטראכטונגען, און כ'בין ארויס אין גאס מאכען דעם סוף הכול.

2.

דער ערשטער שפאציער מיינער איז גע־ ווען צו קארנער סענטער עוו. און ענגעס, או די פעדלערס דארפען צוריק קומען פון זייער טאג־רייזע מיט די האנד וואַ־ גענס. די רוסישע נייעס איז דארט זעהר ווינציג געוועזען.

האלא! חאצקעל, בעגעגענט א פויש־ קארט פעדלער דעם אנדערען און דער־ צאנגט איהם דאס פינפטעל, שוין געהערט די נייעס?

וואסערע נייעס?

וואס! ווייסט נאך ניט, אוים ניקא־ לאי אוים צאר — אוים טירמע — אוים אבאנאוו — אוים פאגראמען, אוים גליות, אוים ניקאלאי ירום הודו, עם אשתו הכבודה הקסרית, עם בנם יורש הצר, ועם בתם הכלה הבתולה מרת. אלגא קאלאעוונא.

שא־שא, זעה נאר ווי ער האט זיך צו־ שמעכט בעטראכט איהם דער אנדערער, דאס איז מיט דיר די שמחה! געוויס גע־ מאכט א שהכול, און געקויפט א פאאר אלטע תחתונים ביי אן ענגלישער ליידי פאר א ניקעל, און וועסט פערדיענען א סעטשער, פערגעס ניט אז מיר זענען דער־ וייל שותפים מיט יענעם, און...

וואס מיר און, פערגייסט יענער זיין ערדיל צו חאצקלען, אפנים די קומסט פון יענער וועלט, ווייסט גאר ניט פון דער ישועה, פון רוסלאנדס בעפרייאונג, מיר זענען פטורגעווארען פון ניקאלייקען און זיין מכשפה, מיר האבען א פרייע רוס־ לאנד, מיט אן אטלעסענע קאפאטע, שיך און זאקען, מיט א גארטעל אין שטריימעל.

טאקע? וואונדערט זיך חאצקעל אויב מיר האבען דאס דערלעבט, וועט דאך שוין באלד משיח קומען, קום זשע ברודערקע מאכען לחיים.

ביידע נעהמען זיך פאר די הענד, לא־ זען שטעהן דאס ביסעל פערמעגען אויף הפקר און געהן צו קארנער עלם מאכען ברכה, באלד בלייבען־זיי שטעהן מיט אוים געגלאצטע אויגען, ווייל קיין „יין שרף" איז ניטא די אידלאך זיפצען אב, אפנים ניט בעשערט א אידען קיין גאנצע שמחה, און זיי רוקען זיך צוריק פערשעמטערהייט צו די פושקארטס.

3.

נו! ווי שטעהט עפעס דיין ווילהעם, מיט זיינע אדיוטאנטען בעגעגענט א רוסי־ שער איד א צווייטען, וועלכער האלט מיט די דייטשען, ווער איז גערעכט, דו ביזסט דאך דער חכם, דער סטראטעגיקער, דער בקי, דער וועלטס קענער, רוסלאנד שמעקט דיר ניט, נאר האבען זי געהערט, האבען זי געזעהן, האבען זי געגעסען, מיט די גרוי־ סע וואנסען, און שפיציגע היטלען, כ'האב אבער באלד געוואוסט, אז רוסלאנד וועט דאס ניט לאזען, רוסלאנד איז שטארק און מעכטיג, נאר וואס דען די דייטשוקעס ארוח אין זייער...

זעה נאר זעה ווי ער האט זיך צו־ קאכט מיט פאניע חזיר, מיט ניקאליייקען, און צאר באטיושקא, פרובירט דער אנדע־ רער זיך ארויסדרעהען.

וואס! צאר, ווען צאר, נא זעה, און ער כאפט ארויס די צייטונג און ווייזט איהם „רוסלאנד האט פון זיך ארונטער־ געווארפען דעם צאר, און איז א פרייע מדינה".

„זעהסטו אויב אזוי איז עפעס אנ־ דעריש, זדראסטוועט גאספאדא", טאק מאטושנא, מי פאיעדעם דאמאי, טאווא־ רישטש, צוריידען זיי זיך אויף רוסיש, ארוים דייטשוקעס פון אונזער מדינה, נעהמט אייך מיט אייער דייטשע טאכטער, און רוסישען אידעם, פארט לחיים ולשלום, ביז טייף פרייסען.

4.

נו פראניו יאזעף מיט די פאפירענע חייזען וואס זאגסטו יעצט, פאלט אן א רוסישער איד אויף א גאליציאנער, געהענ־ דיג אויף טעראלי סט. נא זעה וואס מיר האבען בעקומען, א נייעם פורים, א פרעה ליכען פסח, א גרינעם שבועות, פריי — פריי — וואס דען ווי אייער „נעבאך", מיר רוסאקעס, אז מיר בעקומען איז בע־ קומען, נאר אזוי טהוט מען, ווען מען וויל ניט פאלגען, ארונטער פון בענקעל און איקטשארטו, חכמות מאכען מיט איהם, נו, אנדערש ווילסטו ניט ניקאלאיקע, די דומא געפעהלט דיר ניט, אידען פאר אפי־ ציערען טויגען ניט, אבער יעצט וועסטו שוין וויסען ווי טייער צו האלטען אזא גוטען דזשאב, אז מען האט א קהלישען דזשאב, מוז מען קענען ביסעל חניפה, אונטערשמייכלען, וואס דען מיט בייזען קען מען אפילו קיין מלמד ניט זיין ולא הקפדן מלמד, ווייזט אונזער איד ארוים זיין תורה.

א חזיר בלייבט א חזיר, פרובירט איהם איבערהאקען דער גאליציאנער, ער איז דאך פארט געווען א קיסר, און ווי שעלט מען אזא מענש, וואס! ער איז דיין גלייכען?

זאבויראיסא — שרייט אוים אונזער רוס — טראג דיך אב אפרים יאסעל, ווייל באלד פערזוכסטו א רוסישען קולאק. לע־ בען זאל דאס פרייע רוסלאנד, מיט איהר פראלעטאריאט, הורא —!

5.

מיינע וואנסען זאלסטו ניט טשעפען, צושפריים זיך דער קאסטאמער אויף דער בארבער שטוהל אין דער בעקאנטער ענ־ געס סטריטער בארבער שאפ, מאך עס פארוסקעמו, פאנימאיעס, יעצט מוז מען זיך נעהמען גרייט מאכען א פאאר שעהנע וואנסען, און אויסזעהן ווי אן עכטער דוסאק, ניטא וואס צו שעהמען זיך מיט אונזער רוסלאנד, אזא יאהר אויף מיר, זיי יעצט וועט בעסער זיין אין רוסלאנד, ווי אייך דא, אויף מיר א מדינה קענעדע, וואו מען זיצט אין די שעפער גאנצע טעג, און מען האט מורא פארן דזשאב, רוסלאנד זאל לעבען, עפעס א קליינינקייט, בעסער־ ראביען מיט איהרע אוצרות ווייך, אבי סעלע עכט פינף און נינציגער פונ'ם טונ־ קעל רויטען קוויטעלע, מיינע וואנסען, ווייט פארזיכטיג, מאכט עס אויפן עכט רו־ סישען שטייגער.

ווען פאהרט איהר אין אייער רוס־ לאנד פרובירט איהם איבערפרעגען דער בארבער, איהר האט זיך דאך געשעהמט מיט אייער שיכורער מדינה און אויסגעלא־ כטע בעאמטע.

אפנים אז איהר זענט א בארבער, ווי ניקאלאי א קיסר, אזוי שנעל ווי די שיכור־ רים זענען ניכטער, און ניקאלאי איז אויס מאכער, בין איך ווייטער א געטרייער רוס און דארף קעמפפען פאר מיין פאטער לאנד.

6.

נו ווי געפעהלט דיר עפעס די נייעס פון רוסלאנד, בעגעגענט איין פרוי די אנ־ דערע, אויף קענזינגטאן עווענוי איז ניט גלייכער צו שטארבען יונגערהייט אידער צו זעהן דעם צער פון א זוהן, וועלכער פער־ לירט זיין גדולה. א רחמנות אויף דער [illegible] אויף קצבה, א מאמע האט א זוהן א קיסר, דעם אנדערען א מיניסטער און צום סוף דארף זי געהן גלות אבריכטען, זעהסטו וואס דער רבונו של עולם קען, מעג זיך דער מענש איבערנעהמען מיט זיין גדלות? לאזט זי אוים מיט א תחינה ניגון.

ווים איך וואס — צולאכט זיך די צווייטע אז מען האדעוועט אוים שלעכטע קינדער, מען לערענט זיי אוים שלאגען פרעמדע, ניט הארבען קיינעם, מוז מען האבען א שווארצען סוף, וואס דען? נאט איז א בעל נקמות, ער ווארט לאנג און בעצאהלט [illegible]

[illegible]

7.

וואס זאגט איהר עפעס! כאפט מיך [illegible]

[illegible]

א ביסעל זאלץ האט א גרויסע ווירקונג אויב דאס איז



Windsor Table Salt

Made in Canada

THE CANADIAN SALT CO., LIMITED

217

פערקופיין גאלד קעמפ

די לעצטע אינפארמאציעס קענט איהר קריגען ווען איהר וועט זיך סובסקרייבען פאר דעם פערקיר־ פיין הערדלד.

סויטה פערקיופיין, אנטעריא.

פרייז פאר קענערע $1.50. טאראַ־ נינטע שטאטען $2.80 א יאהר.

פערקופיין, סאבאלט

און ניו־יארק סעקיוריטיעס

וועכענטליכען בריעף וועגען מארקעט ווערט צוגעשיקט פריי אהן געלד, אויף פערלאנג

ROBERT E. KEMERER & CO.

108 Bay St.

(מעמבערס פון סטענדערד סטאק עקסטשיינדזש)

108 ביי סטריט — — טאראנטא

א פראפיטאבילער אינוועסטמענט

מיר האבען א פלאן מיט וועלכען אינ־ וועסטארס קענען קריגען א פראפיט פון אכט ביז פופצעהן פראצענט אויף זייערע אינוועסטמענטס.

מיר וועלען מיט גרוים צופריעדענ־ הייט אייך צושיקען אלע איינצעלהייטען אויפ'ן פערלאנג.

PLUMMER & CO.

STOCK BROKER

108 BAY ST. Toronto

פלומער און קאמפאני סטאקבראקערס

J. P. BICKELL & CO.

סטענדארט בענק בילדינג טאראנטא

תבואה

קאטאן

סטאקס

CHAS. A. STONEHAM & CO.

(עטאבלירט 1903)

23 מעלינדא סטרי. טאראנטא. טעלעפאן מיין 1—2580.

41 בראאד סטריט, ניו־יארק.

קאבאלטס, פארקיופיין קופער מאטאר אויל און אינדוסטריאל סטאק פאר קעש, אדער מעסיגע מארדזשין. אונזער פופצעהן הונדערט מייל פריי־ וואט ווייער סיסטעם דערגרייכט אלע מארקעטס וועכענטליכע מארקעט לעטערס פריי.

„ניטא קיין פראמאשאנס"

ווענע די פרייזען

[illegible]

Wm DOW

[illegible]

Dawe's

[illegible]

EKERS'

[illegible]

(פארטזעצונג פון פיידזש 4)

ניעווסקי פראספעקט. העכערט א זאג־ דערבארער געוויס. מיר האבען אנ־ פאנגען געמיינט, אז דאס איז א גע־ וועהנליכע אבלאווע פון דער פאליציי אדער פון קאזאקען נאך סטריקער, סטו־ דענטען, אדער ארבייטער דעפוטאטען, פיר וועלכע די רעגירונג האט דאן געזי־ טערט ווי פון קרחת. [illegible]

[illegible] און מיר האבען זיך פון קאפע, אלע ווי איין מענש, א לאז געטהאן צום ניעווסקי און א זאג־ דערבארע בילד האט זיך ענטפלעקט פאר אונזערע אויגען, א בילד וואס קיינער פון אונז וועט ניט פערגעסען ווי לאנג ער וועט נור לעבען.

כוואליעס, [illegible] כוואליעס, יונג און אלט, ארבייטער און סטודענטען, באסיאקעס און רייך געקליידעטע דאמען, האבען זיך געטראגען אויף ניעווסקי אין דער ריכטונג [illegible] צום קא־ זאנסקי סאבאר. רויטע פלאגען און באנערס, היטלען און טאשענטיכער, [illegible] האבען דורכגע־ שניטען די לופט, [illegible] און די גאנצע לעבעדיגע מאסע האט [illegible] און טריאומפירענד געשריען [illegible]: „קאנסטיטוציע, קאנסטיטוציע, מיר הא־ בען ענדליך [illegible] א קאנסטיטוציע!" — אלע האבען זיך אינסטינקטיוו א שאט געטהאן צום קא־ זאנסקי סאבאר, [illegible]

אונפערגעסליכע סצענען פון לעבען האבען זיך דאן אבגעשפיעלט אויף'ן פראספעקט. מענשען, יונג און אלט, [illegible]

[illegible]

מעקלאוד ווייבייסיקלס פיר קעש

ר. דז. מעקלאוד

181 קינג סט. וו. פאן אד. 1532

דיימאנדס



$1 $2 $3 וועכענטליך

[illegible]

רייניגען די שטיגען, דאס האלץ אדער שטיין איז פיעל ביליגער אויב איהר געברויכט
Old Dutch

Old Dutch Cleanser
Chases Dirt

וואס הערט זיך אין האמילטאן

פון אונזער האמילטאנער קארעספאנדענט יונה ל. שעכטער

די האמילטאנער רוסישע פוילישע און אידישע קאלאניעס האבען די נייעס וועגען די לעצטע רוסישע געשעהענישען אויפגענומען זעהר בעגייסטערט, מיטינגען ווערען אבגעהאלטען אין אלע אויסלענדישע דיסטריקטען פון שטאדט, א מאס מיטינג איז אויך אבגעהאלטען געווארען לעצטען זונטאג, ארראנדזשירט פון די סאצ. רעוואלוציאנערען, (רוסיש) סאציאל דעמאקראטען (אוקריינער) ארבייטער רינג בראנטש, און אידיש נאציאנאלער ארבייטער פערבאנד.

דער מיטינג איז געוועזען א גרויסער ערפאלג. דער גרויסער ארפעלאוס האל וואס האט פלאץ פיר קנאפע 2 טויזענד סיטס, איז געוועזען איבערפילט. פיעלע זיינען צוריק געגאנגען אלעס מאנגעל אין פלאץ. עס האבען גערעדט, רוסישע, פוילישע, אידישע און אוקראינישע רעדנער.

די רעדנער אלע העכסט אינטעליגענטע מענער האבען, אין פיהלענדע ווערטער געשילדערט דאס לעבען, קעמפפען און שטארבען פון די טויזענדער רעוואלוציאנערען וואס האבען געקעמפפט פאר א פרייע דעמאקראטישע רוסלאנד. דער רוסישער רעדנער האט ביים שלוסע זיין רעדע געזאגט:

"די פעדער, וואס האט אונטערגעשריבען אזוי פיעל אוקאזען צו מארדען און רויבען אידישע רעוואלוציאנערען, די פעדער וואס האט טויזענדע יונגע רוסישע נשמות פון דער וועלט פערטריבען, די פעדער וואס האט טויזענדער יונגע רוסישע פערשאפט מעהר ליידען, מעהר פערפאלגונגען, ווי די יעצטיגע מלחמה אט די זעלבע פעדער האט דער געוועזענער צאר אויך יעצט געברויכט אונטערצושרייבען זיין אבזאג פון רוסישען טהראן און דערמיט בעפרייט 180 מיליאן רוסישע אונטערטהאנען."

צום שלוס פון דעם מיטינג האט דער טשערמאן אנגעפרעגט ביי די אנוועזענדע אויב זיי וואלטען וועלען אנטהייל נעהמען אין א נאסען דעמאנסטראציע נעקסטען זונטאג. דער ענטפער איז געוועזען א הילכערדיגער אפלאוז.

עס איז גלייך געמאכט געווארען א קאלעקשאן פיר דיעזען צוועק, און עס איז אריינגעקומען ביי 90 דאלאר.

נאך'ן מיטינג איז בעשטימט געווארען א קאמיטע וואס זאל ארגאנזירען יעם פאראר. א פערמיט איז ארויסגעגעבען געווארען פון די פאליס, און דער מעיאר וועט זיין דער הויפט רעדנער. א מיליטערישער בענד מוזיק וועט פיהרען די מארשירענדע אין די הויפט גאסען פון שטאדט. בלויז 2 פלעגס וועלען זיין די קענעדער און די רויטע פאהן.

עס ווערען ערווארטעט פיעלע רוסישע אונטערטהאנען פון די דערבייאיגע שטעטלאך.

די היגע אידישע ארגאניזאציעס געפינען זיך בעליידיגט ווארום טאראנטא האט זיי איגנארירט און ניט איינגעלאדען צו דעם קאנגרעס קאנפערענץ וואס האט שטאטגעפינען לעצטען זונטאג אבענד אין ציון האל (טאראנטא). האמילטאנער אידען האבען אימער צו גענומען א טיכטיגען אנטהייל אין אידיש נאציאנאלע בעוועגונגען, און נאטירליך וואלטען זיי אויך געוועזען גוט פערטראטען צו דיעזען קאנפערענץ ווען מען זאל זיי געוועזען לאדען.

יעדענפאלס איז דער ערשטער קאנפערענץ שוין פאראיבער, און אלעס וואס בלייבט יעצט איז, ווארטען ביז א צווייטער קאנפערענץ וועט שטאטפינדען. דערהוייל ווינשען מיר די איניציאטארען פון דיעזער בעוועגונג פיעל ערפאלג אין זייער אונטערנעהמונג.

"א לעהרער ווערט געזוכט", דאס איז דער ענטפער וואס מען קריגט פון יעדען מעמבער פון דעם ניי געגרינדעטען ניצאנאל ראדיקאלע שולע פעראיין, ווען מען פרעגט זיי, וואס הערט זיך?

עס איז ניט קיין שפאס, עס איז א טרויעריגער, דאס עס איז אונמעגליך צו קריגען א גוטען לעהרער ביי דער יעצטיגער צייט.

עס זיינען שוין אנגעווענדעט געווארען מיטלען צו קריגען לעהרער, אבער ביז יעצט אהן ערפאלג. די אונטערנעהמונג וואס איז ארראנזשירט פיר דעם 19־טען אפריל, וועט לויט אלע קאמיטעטס גיבען צו זיין א גרויסער ערפאלג.

די טאראנטאר אידישע פאלקס ביהנע וועלכע וועט דורכפיהרען די אונטערנעהמונג מיט די "געבראכענע הערצער", זיינען זעהר פאפולער אין האמילטאן. און א דאנק זיי קויפען אלע אידען טיקעטס פיר דעם אבענד.

* * *

